С(Евр)
Ф191

י. פאליקמאנ



# צווישנ סאָפּקעס

אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג

С(Евр)
Ф 191

י. פאליקמאן

# צווישן סאָפּקעס

דערציילונגען

Фонд национальной
литературы

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטן אין אוססר
קיִעוו • 1937

טעכנישער רעדאקטאָר — ש. בוים.
קאָרעקטאָר — מ. דובינסקי.
פאפיר 72X105 — $1/_{32}$. $8\ 3/_{4}$ דרוקבויגנ. אינ איינ פאפיר־בויגנ 115 000 צייכנס.
טיראזש 2000 עקז. פארלאג־נומ. E־85. באפולמ. פונ הויפטליט נומ. 1158. באשט.
נומ. 1510. 11־טע דרוקעריי אופקפ״ט, בערדיטשעוו. אָפגעגעבנ אינ זאצ
20/III — 1937. אונטערגעשריבנ צומ דרוק 10/VI — 1937 י.

# צוישנ סאָפּקעס

מע איז שוינ נאָענט צום ציל, אָט נאָר זיכ אופהייבנ אפנ רוקנ פונ דער סאָפּקע, אונ עס וועלנ אונטנ אינ טאָל זיכ באַוויַזנ, ווי כיַיעלעכ איַינגעגנורעט אינ שניי, די יורטעס פונ דער אָראָטשאָנער סטויבישטשע [1] זשורמי. לוקי אודינקאַנ, א יונגער יעגער פונ א צווייטער סטויבישטשע, האלט אינ איינ דערציילנ זיַינע צוויי מיטגייער אפ אנ אייגנארטיקנ, געבראָכענעמ רוסיש:

— אָ, מיַינע האָב דאָ אינ זשורמי אסאכ פריַינט... מע וועט דערלאנגענ פלייש, יוקאָלע [2]... א יעגער אינ טיַיגע ליב א גאסט... איַי, וועט אביסל־אביסל פריילעכ זיַינ...

ער סמאָקעט מיט די ליפּנ, דרייט מיטנ קאָפּ, אונ דאָס גאנצע ברייטביינערדיקע פּאָנעמ זיַינס מיט די שמאָל־פארשניטענע אויגנ באמיט זיכ איבערצוגעבנ דעמ פארגעניגנ פונ זיַינ אַנגעלייגטער גאסט...

אָבער מיישקע וויל פונ גאָרניט הערנ. ער וויל אָט דאָ, אפנ שניי, אנידערפאלנ אונ שלאָפנ. עס פיבערט אימ שטארק אונ עס שיסט אימ אינ די שלייפנ. אָט דאָס יינגל, מיטנ ערשטנ גאָלדענעמ פוכ אפ דער אייבערשטער ליפּ, האָט איַינגעבראָכנ דער פראָסט.

ערשט פריער נאָכ מיט צוויי טעג האָט אינ אימ געברויזט

1 סטויבישטשע — אָפּשטעל־אָרט פונ די אָרטגעבירטיקע וואנדער־פעלקער אפנ וויַיטנ מיזרעכ.

2 יוקאָלע — אזא מינ פיש.

אונ, ווי א קוואל, געשלאָגנ ראשיקע, געזונטע פרייד פונ יוגנט, וואָס האָט צום ערשטנ מאָל אינ לעבנ באקומענ א וויכטיקע שלי־כעס: אבע, זײַנ עלטערער ברודער, איז באשטימט געוואָרנ פאר שעפ אפ דער בויונג פונעמ קאלכ־זאוואָד, אונ ער פאָרט מיט אימ באטראכטנ דעמ נײַעמ פלאצ אונ אָנהייבנ די געהילצ־פארגריי־טונגענ. פונ שטאָט בירעבידזשאנ זײַנענ זיי געפאָרנ מיטנ צוג ביז דער קלייניקער סטאנציע ב...— א פאָר הילצערנע רויט־געפארבטע הײַזער פונ אײַזנבאנער, א נידעריקער לאנגער סקלאד, א ברונעמ אינמיטנ דער הוילער פארשנייטער ברייטקײַט, עטלעכע באזיירימלעכ בא א קאָריטע דאָרט, אונ ארומ־אונ־ארומ — טײַגע, גרויע, האָריקע, אונ נאָכ ווײַטער — בלוילעכע פארשנייטע רוקנס פונ אוראלטע סאָפקעס. א זעכצנ קילאָמעטער פונדאנענ מיט דער באנ־ליניע אונ א פינפ קילאָמעטער אינ דער זײַט, טיפ אינ דער טײַגע, געפינט זיכ דער פלאצ פונ דער בויונג. דער צוג שטעלט זיכ אָבער ניט אָפ אפנ זעכצנטנ קילאָמעטער, אונ כוץ דעמ וואָלט זיי דערנאָכדעמ נאָכ געװוג אויסגעקומענ גײנ מיט דורכויסיקער ווילדער טײַגע, אָנ שטעג־אונ־וועג, האָבנ זיי באשטימט (אונ לוקי, דער וועג־ווײַזער זייערער, האָט אויכ אזוי געייצעט) אוועקלאָזנ זיכ בעסער צומ קאזאקישנ דערפל טיגראָווע, וואָס ליגט ניט ווײַט פונ סטאנציע, — אהינ גייט אנ אײַנגעפאָרענער וועג, דאָרטנ וועט מענ איבערנעכטיקנ. אגעוו, וועט אבע זיכ דעריידנ מיטנ פאָרזיצער פונעמ אָרטיקנ קאָלווירט וועגנ הילפ פאר דער בויונג, אונ אינדערפרי וועט מענ גרינג מאכנ די אכצנ קילאָמעטער, וואָס וועלנ זיי נאָכ בלײַבנ ביז צו דער סטויבישטשע זשורמי, צומ אָרט, ווו עס שטייט די קאלכ־סאָפקע.

אונ אזוי האָבנ זיי טאקע געטאָנ. דער וועג האָט געפירט דורכ אויסגעהאקטער אונ וויסט־ארומגעברענטער טײַגע, דורכ אײַנגעפאלענע טאָלנ, דורכ בעטנ פונ אויסגעפרוירענע טײַכלעכ. פלוצעמ האָבנ זיי דערזענ ניט ווײַט איבערנ וועג א ווילדע ציג. לוקי האָט איר נאָכגעשיקט א קויל. די ציג האָט אָבער בלויז א

טרייסל געטאָן מיט די פאריסענע הערנער־צווײַגעלעך און איז פאר־שווּנדן אינעם נידעריקן געשטרויך, וואָס איז געשטאנען בא דער זײַט. זי איז לײַכט פארווּנדעט געווען — אפן זויבערן שניי איז געבליבן א דינינקער רויטער פונקטיר און טיפע שפּורן פון שארפע טלאָ־לעך... נאָכיאָגן איר האָט קיין זין ניט געהאט, אָבער מיישקען האָט א גוואלדיקער נײַגיר ארומגעכאפּט. ער האָט ניט געפאָלגט ניט לוקין, ניט אבען און איז אוועק נאָך דער ציג, און כאָטש די צײַט איז טײַער געווען, האָבן זיי בײדע אים נאָכגעגעבן אין דעם־אָ ייִנגלשן לײַכטזין. מע האָט זיך צוגעזעצט אפּ אן אומגע־וואלגערטן בוים און פארויכערט דערווײַל.

אומגעקערט האָט זיך מיישקע א שיקערער פון מידקײַט, א פארשוויצטער, א פארפאליעטער. ס'איז אים הייס געווען, האָט ער זיך אינמיטן וועג צעשפּיליעט — א ייִנגל און גאָר! — ס'האָט אים געדאָרשט שטארק, האָט ער געשלונגען שניי. געקומען איז ער, פארשטייט זיך, מיט ליידיקע הענט און גלײַך א פאל געטאָן לעם בוים. ער האָט שווער געסאָפּעט, געשמייכלט פארשולדיקט און גליקלעך איינצײַטיק. לוקי האָט געלאכט, אָבער אבען האָט אן אומרו ארומגעכאפּט פארן ברודערס געזונט, און ער האָט אפּ אים דאָס ערשטע מאָל אין וועג שטארק אָנגעשריגן, ער זאָל ניט אומלויפן, ניט שלינגען קיין שניי און טייקעף זיך פארשפּיליען.

פארנאכט, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דערפל (די זון איז פארגאנגען, דער פראָסט האָט זיך געשטארקט), האָט מיישקע שוין דערפילט, אז עפּעס וואַרפט אים אין א קעלט. ער האָט זיך אָבער געטרייסט מיטן געדאנק, אז בא א ווארעמען אויוון אין דאָרף, בא א הייסן גלעזל טיי וועט דאָס פיבערן אופ־הערן. און ביפראַט נאָך, אז ער וועט זיך אויסשלאָפן, אײַנגעדעקט מיט א גוטן שאָפענעם פעלץ, וועט זיכער אלץ דורכגיין.

ווי נאָר מע איז אריבערגעטראָטן די שוועל פונעם ערשטן קאזאקישן שטיבל אין דאָרף און ס'האָט א זעץ געטאָן פון אינע־ווייניק א דושנע אנגענעמענע ווארעמקײַט, האָט מיישקע דערפילט

א שוואכקייט אין אלע גלידער, מאמעש, אז עס האקן זיך אים אונטער די פיס. ער איז א פאל געטאָן אפ דער רויט־געפארבטער באנק לעם טיר, און איידער אבע האָט זיך נאָך דערפרעגט בא די באלעבאטים, צי מע קאָן דאָ נעכטיקן, האָט ער זיך שוין געהאט צוגעשפארט מיטן שטערן צו דער גלאטער קאלטער פאַרענטשע, איינגעהילט אין א שווערן דרעמל.

א קאלטער ציטער האָט אים דורכגענומען, די ציין האָבן שטיל גענומען קלאפן. ער האָט זיך אָפגעזאָגט פון וועטשערע, פון טיי און איז באלד געגאנגען שלאָפן. אבע האָט שוין געזען, ווי ער האלט מיט אים, און קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער איז בלויז יעדעס מאָל צוגעגאנגען צו אים אפ די שפיץ־פינגער, צוגעלייגט א האנט צו זיין הייסן שטערן און, בייסנדיק די ליפ, געפרעגט:

— שלאָפסט, מיישקע ?..

מיישקע האָט געהערט, אז יענער רעדט צו אים, נאָר ער איז שטארק פארטאָן געווען אין מאָדנע כאלוימעס און ניט געקאָנט ענטפערן. אבעס קאָל און די שטימען פון די פרעמדע מענטשן אין שטוב האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיינע כאלוימעס, דערקוויטשעט און איינציטיק אנגענעם געווען. ער האָט מיט די לעצטע דורכלויכטן פון זיין באוווסטזיין נאָך געטשעפעט זיך פאר אָט די שטימען, געוואָלט באנעמען עפעס, איינהאלטן...

אינדערפרי איז שוין קיין רייד אפילע ניט געווען וועגן לאָזן זיך ווייטער אין וועג. פאר דער נאכט איז די היץ א ביסל אָפגעפאלן, מיישקע איז נאָך אָבער אלץ געלעגן א פארויטלטער, מיט האלב־אָפענע אויגן, און טעמפ, און גלייכגילטיק געקוקט אין סטעליע אריין. פארנאכט איז ווידער צוגעטראָטן די היץ, נאָר שוין ניט אזוי שטארק. די נאכט איז ער געשלאָפן רויק, און אז ער האָט זיך אופגעכאפט, זיינען שוין די קליינע פארפרוירענע פענצטערלעך איינגאנצן געווען פארגאָסן מיט בלויען, אפן וואנט האָט געציטערט א גרויסער רויטער פלעק פונעם איינגעהייצטן אויוון, און אין שטוב איז געווען א גערודער. ס'האָט א סקריפע געטאָן

די טיר. מיטאמאָל האָט אים אזא אומרו ארומגעכאפּט — ווו איז אבע? ער האָט זיך אופגעזעצט אפן געלעגער און דערזען, אז אבע און לוקי פאקעווען זיך איין. א ווײַלע האָט ער עפּעס ניט פארשטאנען, וואָס קומט דאָ פאָר, געקוקט מיט פארכידעשטע אויגן, נאָר באלד האָט ער זיך געכאפּט, אז דאָס גרייטן זיי זיך אין וועג...

— וווהין איז? — האָט ער הייזעריק א פרעג געטאָן.

אבע איז צוגעגאנגען און זיך לעם אים אוועקגעזעצט. ער האָט אים געזאָגט, אז ער קאָן זיך דאָ מער ניט פארהאלטן, ער דארף גיין זיך באקענען מיטן פּלאץ, ווו די בויונג וועט פאָרקו־מען, ווײַל ער האָט זיך שוין דערעדט אין קאָלווירט, אז זיי טיילן דאָ אויס מענטשן און פערד אפּ אָנהייבן די געהילצ־פארגרייטונ־גען, און צו איבערמאָרגן וועלן זיי שוין זײַן גרייט. איז אָט — צו איבערמאָרגן וועט ער אומבאדינגט זיך אומקערן אהער, בא מיישקען וועט צו יענער צײַט אינגאנצן דורכגיין דאָס פארקילעכץ, און ער וועט קאָנען ארויספאָרן גלײַך מיט אלעמען.

מיישקע האָט געוואָלט דערווידערן, ער האָט אזש אָנגעהויבן צאפּלען, ער האָט געוואָלט זאָגן, אז ער איז שוין ניט שלאפּ, ער וועט מיטגיין, נאָר אבע האָט אפּ אים שטרענג א קוק געטאָן, שטום דערמאָנט אים די ציג, און מיישקע האָט פארשטאנען, אז ס'איז ארויסגעוואָרפענע רייד. האָט ער נאָר שווײַגנדיק, מיט א פארטײַעטער אקשאָנעס, א קוק געטאָן אפּ אבען, אוועקגעלייגט זיך צוריק אפן געלעגער און פארמאכט די אויגן אפּ אנשלאָפן ווערן.

אבע און לוקי זײַנען אוועקגעגאנגען אלייז. אָבער ווען זיי האָבן געמאכט דעם זעקסטן קילאָמעטער, אופגעהויבן זיך אפן הויכן בארג־רוקן און אָפּגעשטעלט זיך פאריכטן א צעריסן פּאַ־סיקל פון אבעס רוקזאק, האָט זיי פּלוצעם אָנגעיאָגט מיישקע. ער האָט געלאכט. דער געלעכטער האָט געקרימט זײַן פּאָנעם אין א טרויעריקער און קרענקלעכער מינע, ער איז געווען פארדעכטיק

רויט, די וויִעס זײַנען אים געווען אָנגעצונדן, ווי נאָך א שלאָפ־לאָזער נאכט, און אין די גרינע אויגן זײַנע האָט זיך ווי אינגאנצן אויסגעלאָשן די לויכטנדיקע יונגע פרייד — עפּעס האָבן זיי איצט געגלאנצט טרוקן און גלעזערדיק...

שרײַען אף אים איז איצט געווען איבעריק — ער איז באגאנגען א נארישקײַט, און ס'איז געווען פארפאלן. אָפּשיקן אים צוריק אין דאָרף ארײַן האָט אויך קיין זין ניט געהאט. ער וועט אליין ניט גיין, און אָפּפירן אים, דארף מען ווידער צעטרענצלען א טאָג. אבער האָט שטרענג א שמייכל געטאָן פרי'ער צו לוקין, דערנאָך צו מיישקען און מיט אזא קרומלעך־לאכנדיקן מויל געזאָגט:

— זע־זשע, גאנעפעצ, זאָלסט ניט אָפּשנײַדן מי'עס... סע טויג אין דער ערד ארײַן!

— זאָרג זיך ניט! — איז מיישקע באַ זיך שטארק געוואָרן. — וואָס ביסטו מיר, א ניאנקע, אבע?.. מײַנסט טאקע! — ער האָט שטײַף פארצויגן דעם פאסיק ארום קורצן פעלצל, ארײַנגערוקט ביידע הענט אין די ארבל און איז א בארויגעזער אוועק פאָרויס.

אָבער ניט לאנג איז ער אזוי געגאנגען. אבע און לוקי האָבן אים אָנגעיאָגט און פאוואָלינקע אזוי איבערגעיאָגט אויך. מע האָט דאפקע ניט געײַלט, מע איז געגאנגען מיט א רויִקן, פעסטן טראָט (ווי עס גייט זיך ווינטער אין א טרוקענעם, געזונטן פראָסט), אָבער מיישקע האָט ניט געקאָנט נאָכגיין. עס האָט אים גענומען באשלאָגן א שווייס, פארכאפּט דעם אָטעם, און ער האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין...

אבע און לוקי האָבן אים אלעמאָל געדולדיק אָפּגעווארט. ער האָט זיך געשעמט, אָנגענומען זיך מיט די לעצטע קויכעס און געגאן. א נודנעקײַט האָט געפּרעסט דאָס הארץ, ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די טײַגישע סאָפּקעס ארום האָבן מיט האָריקע, בערישע רוקנס זיך א הייב געטאָן און גענומען אָנגרײַפן אף אים מיט אויסגעשטרעקטע לאפּעס. שאָקלענדיק זיך, ווי א שיקער, איז ער געבליבן שטיין...

מע האָט געמוזט צוליב אים מאכן אָפטע אָפּשטעלן, און ־ערפאר האָבן די אַכצן וויאָרסט זיך צעצויגן אפן גאנצן טאָג.

איצט איז פארנאכט. דער קורצער ווינטערדיקער טאָג לעשט זיך, שטארבט אינגאנצן אנ איינזאמער אפ פינצטערע פרעמדע סאָפּקעס. דער פראָסט באהויכט אלץ מיט א טויטן גליווער. ס'גיט בלויז א טרישטשע ווען־ניט־ווען די געפּלאצטע קאָרע פון א בוים. סע גיט זיך א שאָט שעמערירנדיקער שניי־שטויב... אלץ, וואָס איז נאָר לעבעדיק אינ טאָגע, איילט איצט צו זיין נאָרע, פליט צו זיין נעסט... און איצט, ווען ס'איז זיי נאָך געבליבן עפּשער געציילטע צוויי הונדערט שפּאן ביז צו דער סטויבישטשע, ביז צו א ווארעמער יורטע, א ליכטיקן שײַטער, האָבן מיישקען אינגאנצן פארלאָזט די קויכעס. ער קאָן שוין אפילע ניט גיין אָנגעשפארט אפ אבעס אקסל. ס'ווארפט אים אין א שרעקלעכן פיבער. אין זיינע היציקן מויעך קומען אוף פארשיידענע פינצטערע זעונגען, און פונקט ער זאָל זיך ראנגלען מיט זיי, ווארפט ער מיט די הענט און שרייט. ער וויל, מע זאָל אים פארשיטן מיט שניי, פאר־שיטן מיט אָן א שיר שניי און לאָזן צורו. ער דערקענט שוין נישט גיט אבען, גיט לוקין, ער לייגט צו א האנט צום מויל און רופט צו עמעצן א ווייטן: — שניי טראָגט אָן, היי, איר הערט! — אבען און לוקין ווערט קאלט פון אָט דעם געשריי, זיי קוקן זיך איבער פינצטער און שטום.

אבע רייסט פון זיך אראָפּ דאָס פעלצל און וויקלט מיט דעם איין מיישקען איבערן קאָפּ — ער זאָל כאָטש ניט אָטעמען מיט דער פראָסטיקער לופט. דערנאָך נעמען זיי אים, איינער פאר די הענט, דער צווייטער פאר די פיס, און לאָזן זיך ווייטער גיין. דער יאט ווארפט זיך, שרייט, און מע דארף אָנשטרענגען אלע קויכעס אים איינצוהאלטן. די סאָפּקע איז גראָד אוועקגעגאנגען זייער שרויפיק. עס שטייען דאָ געדיכט צעוואקסן נידעריקע ניסנ־ביימלעך, ווילדע מאלינעס, קאָלערליי גראָזן, אז ס'איז אזש

אומעגלעכ דורכגיין, ערגעץ בא א זײַט קער דאָ זײַן א דורכגע־
טראָטנ שטעגעלע, אָבער ווו?

זיי האָבנ קוים דערקליבנ זיכ צום שפּיצ פונ דער סאָפּקע.
לוקי, וואָס איז געגאנגענ פאָרפרײַער און דער ערשטער דערזענ
דעם טאָל, האָט פּלוצעמ א פאַרשטיקטנ געשריי געטאָנ און איז
פאַרקילט געוואָרנ אפנ אָרט.

— וואָסי? — איז אבע אויסגעוואקסנ לעבנ אים.

— מײַנע גאָרנישט ניט פאַרשטיי... — ווילדע קראמפּנ האָבנ
פאַרקלעמט לוקיס יונגנ געזיכט, און זײַנ שטים האָט זיכ אראָפּ־
געלאָזט ביז א שרעקלעכנ שעפּטשענ: — זשורמי ניטאָ... יורטעס
ניטאָ...

— וואָס הייסט ניטאָ?! — איז אבע בלאס געוואָרנ.

ארום איז קיינ צייכנ פונ לעבנ ניט געווענ. סאָפּקעס און
סאָפּקעס, וואָס ווײַטער — אלץ בלויער און רויכיקער, האָבנ זיכ
אוועקגעצויגנ ביז צום ווײַטנ האָריזאָנט און דאָרטנ ערשט זיכ
אײַנגעטונקענ אינ פארבנ פונ א רײַכנ פּראָסטיקנ זונ־פאַרגאנג...
פונ ערגעץ האָט זיכ דערטראָגנ א קאלטער ווינט מיט גרײַפּעלעכ
שניי, און די נידעריקע דעמבנ־ביימלעכ, וואָס זײַנענ געשטאנענ
פונ יענער זײַט סאָפּקע, האָבנ אָנגעהויבנ קלאפּנ מיט די אָפּגע־
פרוירענע בלעטלעכ. ס'האָט א צי געטאָנ מיט טויבנ ווי! פונ דער
וויסטקײַט ארום...

— עפּשער האָבנ מיר פאַרבלאָנדזשעט, לוקי? — האָט אבע קוים
אראָפּגעשלונגענ דעמ הארטנ קנויל, וואָס איז אים צוגעטראָטנ
צום גאָרגל.

לוקי האָט אפּ אים א קוק געטאָנ מיט בייזנ פאָרוווּרפ אינ
בליק:

— מײַנע ווייס, ווו זשורמי זוכ — זשורמי ניטאָ!

— אָבער סע טרעפט דאָכ, אז מע פאַרבלאָנדזשעט... האָסט
דאָ עפּעס א סימענ? ביסט זיכער, אז מיר זײַנענ געקומענ אפנ
אָרט?.. איכ זע דאָ גאָרניט, — איז אבע זיכ מוידע געווענ, —

סאָפּקעס, און אנ עק... ניין, מע דארפ גיין ווייטער, מע דארפ א זוכ טונ אינ אלע זייטנ, ביז עס ווערט ניט פינצטער... ניטאָ! — דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט? מיישקע וועט דאָכ אומקומענ!

לוקי איז עפּעס מאָדנע רויט געוואָרנ, אָנגעשטרענגט א דריי געטאָנ דעמ קאָפּ, ווי עס זאָל אימ ווארגנ עפּעס. נאָר געזאָגט האָט ער שטיל, טויב, מיט פארבאָרגענעמ קאס:

— זשורמי ניטאָ. — אופגעהויבנ א האנט און געוויזנ מיטנ פינגער אינ טאָל אריינ: — זשורמי דאָרט געווענ... קוק... ניטאָ!

לוקיס קאס האָט אבע דערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט אָנ־גערירט זיינ יעגערישע אייגנליבע. בא זיכ איז ער פאָרט זיכער געווענ, אז מע האָט פארבלאָנדזשעט. ער האָט געקוקט אינ דער ריכטונג פונ לוקיס האנט, נאָר גאָרניט ניט געזענ אינ טאָל אזוינס, וואָס זאָל איידעס זאָגנ, אז די סטויבישטשע איז דאָרט ווענ עס איז געשטאנענ. פלוצעמ האָט זיינ אופמערקזאמקייט צוגעצויגנ די סאָפּקע, וואָס איז געשטאנענ גלייכ אנטקעגנ פונ יענער זייט טאָל. אפנ ערשטנ בליק האָט זי זיכ ווי מיט גאָרניט ניט אונ־טערשיידט פונ אלע אנדערע סאָפּקעס: א לענגלעכע, א הויקער־דיקע, באדעקט מיט טייגע און שניי, האָט זי בלויז אָפּגעטיילט זיכ א ביסל פונ דער אלגעמיינער קייט און איז געשטאנענ עפּעס אזוי באזונדער, שטארק ארויסגערוקט אינ טאָל אריינ. „דאָס איז דאָכ זי, די קאלכ־סאָפּקע!" — האָט אבע א טראכט געטאָנ. די קאָנטורנ אירע, די לאגע — אלצ איז צונויפגעפאלנ מיט די צייכענונגענ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אינ זיינ רוקזאק. „און אָט איז דאָכ דאָס טייכל!" — דער טאָל איז געווענ באדעקט מיט טייגע און פארצויגנ מיט א פארנאכטיקנ רויכל, און דורכ אָט דער טונקלקייט האָט, ווי א דינ סטענגעלע, זיכ געשלענגלט א פארפרוירנ בארג־טייכל, ארומ־געשווענקט די סאָפּקע און פלוצעמ זיכ איבערגעריסנ, פארקערע־וועט ערגעצ.

א רעגע האָט אבעס בליק זיכ פארהאלטנ אפ יענעמ אָרט, ווו דאָס טייכל האָט זיכ ווי איבערגעריסנ און זיכ פארקערעוועט.

דאָרט איז עס עפּעס געווענ אַזויווי צעגאָסנ, ברייטער ווי געוויינלעכ. נאָר פּלוצעם האָט אַבע אַזש אַ קיל געטאָנ אינ האַרצנ — ער האָט פונוויַיטנס קוימ אונטערשיידט אַפ אָט דעם קלוימערשטדיקנ אויסגוס פּניאָקעס, אַרומגערייניקטע שטאַמענ... לוקי איז געווענ גערעכט — דאָרט איז פריִער געשטאַנענ די סטויבישטשע.

אַבע האָט געזאָגט מיט אַ שטילער אופגערעגטער שטימ, ווי צו זיכ אַליינ: — וואָס־זשע זאָל עס הייסנ... אונ די יעגערס פונ דאָרפ... זיי האָבנ דאָכ דאָ פריִער מיט עטלעכע טעג געגעכטיקט... זיי האָבנ דאָכ אַליינ דערציילט... אונ אינ דאָרפראַט האָט מענ דאָכ אויכ געזאָגט...

לוקי האָט שווער אָפּגעווענדעט דעמ בליק אינ אַ זיַיט. אַפ זיַינ ברייטנ רויטנ געזיכט האָבנ די קינבאַקנ זיכ באַוועגט, ווי פונ ציינ־קריצנ.

— דיַינע זשורמי פּאַריאַג! — האָט ער מיטאַמאָל צוויי וואָלפישע פיַיערלעכ אָנגעשטעלט אַפ אַבענ.

אַבע האָט פאַרוווּנדערט אופגעהויבנ די לינקע ברעמ:

— וואָס?!

— דיַינע! — האָט לוקי שווער איבערגעכאַפּט דעמ אָטעמ. — דיַינע קומ... אַסאַכ מענטשנ קומ... טיַיגע האַק... כיַיעס פּאַריאַג... אָראָטשאָנעס הונגער שטאַרב — בעסער אַוועקגייַנ!

אַבע האָט אימ אַ קוק געטאָנ גלייַכ אינ די אויגנ אריַינ, אָבער יענער האָט מיט פינצטערער אַקשאָנעס אויסגעהאַלטנ זיַינ בליק.

אָנקומענדיק אַהער אַלס שעפ פונ דער בויונג, האָט אַבע ווירקלעכ געהאַט נאָכ אַיינ אופגאַבע, וואָס איז אינערגעצ ניט פאַרשריבנ געווענ, אינ קיינ שומ פּלאַנ ניט אריַינגעטראָגנ געוואָרנ, נאָר פאַר וועלכער ער האָט געפילט פונקט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט, ווי פאַר אַלע אַנדערע טיילנ פונעמ פּלאַנ אונ צו וועלכער ער האָט זיכ אינערלעכ אפילע אַ ביסל טרוימעריש געגרייט. אַ טאָג פאַר זיַינ אַוועקלאָזנ זיכ אינ וועג האָט דער סעקרעטאַר פונעמ בירעבידזשאַנער פּאַרטיי־קאָמיטעט אימ געזאָגט צווישנ אַנדערנ:

— אונ די אָראָטשאָנער, וואָס וווינענ דאָרט, פלײַס זיכ דערגענטערנ צו דער בויונג... שליס מיט זיי עפשער אנ אָפמאכ, זיי זאָלנ דיר צושטעלנ פלייש... זייערע יורטעס וועלנ דיר די ערשטע צײַט צונוצ קומענ, אונ ביכלאל... מע דארפ זיי ארײַנציִענ...

אבע האָט געוווסט פונ פריִער, אז עס וווינענ אינ דער טײַגע אָפגעשטאנענע מענטשנ, רעשטלעכ פונ ווײַטע טונגוסישע שוואָטימ, וואָס פארנעמענ זיכ מיט פישפאנג אונ מיט געיעג. אונ באנאנד מיט אלע אנדערע געדאנקענ אונ זאָרגנ וועגנ דער קינפטיקער בויונג, האָבנ שוינ די געדאנקענ וועגנ אָט יענע טײַגע־מענטשנ אויכ פארנומענ א געוויס אָרט בא אימ אינ קאָפּ — ווי וועלנ זיי זיכ באציִענ צו זײַנ אָנקומענ, צו דער בויונג, — זיי האָבנ דאָכ קיינמאָל ניט געזענ אזוינס!

דער סעקרעטאר פונ פארטיי־קאָמיטעט האָט אימ דערציילט, אז אינ שטאָט זײַנענ אראָפּגעקומענ עטלעכע אָרטגעבירטיקע יעגער, אונ געייצעט אימ מיטנעמענ איינעמ פונ זיי פאר א וועגווײַזער... אבע האָט טאקע אזוי געטאָנ. ער האָט מיטגענומענ לוקינ. ער האָט דערבײַ געהאט א באזונדערנ מיינ: ערשטנס, וועט מענ זיכ אינ סטויבישטשע באציִענ צו אימ אסאכ פארטרוילעכער, פרײַנטלעכער, ווענ ער וועט אהינ אראָפּקומענ מיט זייערנ א מענטשנ, — ס׳וועט מאכנ גאָר אנ אנדער אײַנדרוק; אונ צווייטנס, וועט ער האָבנ א מעגלעכקײַט, נאָכ איידער ער קומט אָנ אפנ אָרט, שאפנ זיכ כאָטש וועלכע ס׳ניט איז פאָרשטעלונג וועגנ די אָרטגעבירטיקע.

אינ וועג איז לוקי געוועג פארשלאָסנ אינ זיכ אונ גלײַכגילטיק צו אלצ: אפ פראגנ געענטפערט קארג, אויסגעמיטנ געשפרעכנ. אבע האָט אָבער פונ מינדסטע קלייניקײַטנ געפילט, אז ער איז ניט קיינ שלעכטער יאט, לוקי, אונ אז דאָס שווײַגנ זײַנס אונ כמורענ זיכ קומט נאָר דערפונ, וואָס ער איז נאָכ דערווײַל זיי פרעמד. דעריבער האָט ער אינ זײַנ באציִונג צו אימ געפלײַסט זיכ זײַנ וואָס פּאָשעטער, פארפירט מיט אימ אָפטע שמועסנ וועגנ

געיעג, וועגן פישפאנג. און ס'האָט געהאָלפן — לוקי פלעג אומ־באמערקט פאר זיך אליינ אריינגעצויגנ ווערנ אינ דעם געשפרעך, און דעמלט פלעג פארשווינדן זיינ גאנצע אָנגעשטרענגט־קייט און כמורנעקייט, אינ די אויגנ בא אים פלעג זיך אָנצינדנ אזא דרייסט פייערל, און דאָס גאנצע פּאָנעם זיינס האָט דעמלט געאָטעמט מיט אזא זיכערקייט און שטאָלצ.

איצט האָט אבער שטארק פארוונדערט דער־אָ גאנצער שטעל לוקיס און די באשולדיקונג, וואָס יענער וואַרפט אים פאָר. ס'איז געווען אומגעלומפערט. די סטויבישטשע האָט ניט געקאָנט אוועק־וואנדערנ איבער דעם, וואָס זיי קומען אָן, עס האָט זיי דאָך קיי־נער ניט אָנגעזאָגט, אז מע גייט אהער. אבע איז געווען זיכער, אז דאָס זיינען נאָר צופעליק אזוי צונויפגעפאלן די אומשטענדן — זשורמי האָט איבער עפּעס א סיבע, וואָס איז נאָר זיי, די יעגער, באוווּסט, זיך אופגעהויבן פונעם אָרט און אוועקגעוואנדערט. מעגלעך, אז זיי דרייען זיך אפילע אום ערגעצ דאָ ניט וויַיט. שלעכט איז נאָר, וואָס מע וועט איצט מוזן נעכטיקן מיטן קראנקן ברודער אינדרויסן, — האָט אבע געטראכט.

ער האָט ניט ארויסגעזאָגט דאָס אלצ לוקין און געזאָגט בלויז דאָס ערשטע, וואָס איז אים ארופ אפן געדאנק:

— זיי האָבן דאָך געקאָנט גיינ ארבעטן צו אונדז! טייגע האקן, העלפן בא דער בויונג...

דער אָראָטשאָן האָט א קנייטש געטאָן דעם נידעריקן שטערן, ווי ער זאָל עפּעס ניט פארשטיין. — טייגע האק? — האָט ער איי־בערגעפרעגט און בייז עפּעס אפ זיינ לאָשן א כום־כום געטאָן אונטער דער נאָז. — אָראָטשאָנעס ניט קאָן! — ער האָט זיך אָפּ־געקערט און מיט אזא ליבע און בענקעניש א קוק געטאָן אפ די ווייטע און פרייע סאָפּקעס. — אָראָטשאָנעס טייגע ליב... זשורמי ווייט אוועק גיי...

אבע האָט ווידער פארוונדערט אויסגעבויגן די לינקע ברעם און א קנייטש געטאָן מיט די אקסלען. ער האָט גאָרניט ניט

וועגנטפערט לוקין, ער האָט נאָר באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל — אין אַלץ, אין זײַן גרויסער האָריקער היטל, אין דער קורצער דאָכע פון ציגנ־פעל, אין זײַנע רויטע פּאַרווינטיקטע געזיכט מיטן מאָנגאָלישן פּראָפיל, איז געווען אַזוינס, וואָס האָט זייער געשטימט מיט דער אַרומי־קער ניטגעריטער ווילדקייט, און ער איז אים אין אָט דער מי־נוט נאָך מער געפעלן געוואָרן.

מײַשקע, וואָס איז צוערשט אַנשוויגן געוואָרן, ווען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ווידער זיך גענומען וואַרפן און זיך רײַסן פון די הענט.

— וואָס שטייען מיר, לוקי! — האָט אַבע זיך אַ כאַפּ געטאָן. — מע דאַרף זיך ערגעץ אַהינטון מיט אים... ביסט דאָך אַ יעגער — טראַכט עפּעס צו...

באַ זיך האָט אַבע געוווּסט, אַז צוטראַכטן איז ניטאָ וואָס, מע וועט מוזן צעלייגן אַ שײַטער און פאַרברענגען אַזוי די נאַכט, אָבער ער האָט אומיסטן גראַד איצט געוואָלט געבן לוקין צו דערפילן, אַז ער פאַרלאָזט זיך אַף אים.

לוקי האָט בייז אַ קוק געטאָן אַף אים, נאָר טייקעף געכאַפּט זיך און אָפּגעווענדעט דעם בליק אין אַ זײַט. ער האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און איז רויט געוואָרן. אַבע האָט געזען, אַז עפּעס צווייפלט ער, דער אָראָטשאָן, עפּעס קומט אין אים פאָר אַ קאַמף, און האָט שווײַגנדיק געוואַרט. פּלוצעם האָט אַף לוקיס פלאַטשיקע רויטע געזיכט צעגאָסן זיך אַ סוידעסדיקער שמייכל: — מײַנע אַ באָד מאַכ... — האָט ער געזאָגט. — טײַגישע באָד... דײַנע ניט ווייס, אַבע? — און עפּעס האָט ער זיך דערבײַ אַ נורע געטאָן אין דער וואַרעמער קורצער דאָכע און בײַוועדיק אַ גלאַנץ געטאָן מיט די שמאָל־פאַרשניטענע אויגן. — אײַ, וואַרעם זײַן... לוקי אַלץ ווייס...

שפּעטער אַ ביסל איז שוין מײַשקע געלעגן אַף דער ערד, אונ־טערגעבעט מיט אַסאַך סמאָלעדיקע ווייכע פיכטע־צווײַגן. לעם אים

האָט געברענט ניט קיינ גרויסער שייַטער. דאָס איז נאָכ ניט געווענ די „טייַגישע ־אָד", לוקי אונ אבע האָבנ זי ערשט געגרייט. זיי האָבנ פונ אומעטום געשלעפט אומגעוואלגערטע ביימער, טרוקענע צווייַגנ אונ צונויפגעלייגט א צווייטע גרויסע קופע פאר א שייַטער. מע האָט זיכ פארקליבנ הארט צו דער קאלכ־סאָפּקע. אינ איינ אָרט איז דאָ פונ א דונער צי פונ דוירעסדיקע וואסערנ געווענ אויסגעריסנ א שטיק פעלדז, אונ זייַנע גרויסע שטיינער זייַנענ געלעגנ צעוואָרפנ באַ א זייַט אונ געצווונגענ דאָס פארבייַלויפנדיקע טייַכל, ס'זאָל אָפּקערעווענ. אינ סאָפּקע האָט זיכ באקומענ א מינ אויסגעהוילטער פלאצ פונ א זעקס קוואדראטע קלאפטער; זי האָט זיכ דאָ אופגעהויבנ, די סאָפּקע, מיט א הויכער אָפּגעהאקטער וואנט פונ הוילנ בלאָוולעכנ שטיינ אונ אזויארום פונ דרייַ זייַטנ פארהיט דעמ פלאצ פונ ווינטנ אונ פונ כייַעס...

די נאכט איז גיכ צוגעפאלנ. די סאָפּקעס אינ טייַגע זייַנענ געוואָרנ אלצ פינצטערער אונ סוידעסדיקער. די אומגעוואלגערטע ביימער, וואָס זייַנענ דאָ אפ יעדנ שריט אונ טריט געלעגנ ארויסגעריסנ מיט די וואָרצלענ, די יונגע דעמבלעכ אונ פיכטעס, ערטערווייַז ביז די שפיצנ פארוויט מיט שניי, די הויכע טונקעלע צעדער־ביימער מיט שווערע אראָפּהענגענדיקע צווייַגנ, — אלצ האָט זיכ אייַנגעהילט אינ אנ אוראלטער טויטער שטילקייַט אונ ארויסגערופנ אינ הארצנ א טויבע בענקעניש נאָכ דער גרויסער ראשיקער וועלט, וואָס איז ערגעצ אינ ווייַטנ אונטערגעגאנג.

ביידע, אבע אונ לוקי, האָבנ געארבעט שווייַגנדיק, געיאָגט פונ זיכ דעמ שווייס. לוקי האָט מיט איינעמ־צוויי טרייסל איבערגעקערט פארטביקנטע ביימער, געריסנ שטיקער האָלצ פונ אונטערנ אייַנגעפרוירענעמ שניי, געלאָפנ בארג־ארופ אונ בארג־אראָפ, ווי א פארהאוועטער בער. אבע איז געווענ פארטראכט, כמורנע אונ געטאָנ עפעס אלצ מיט אזא פארביסענער אקשאָנעס.

ענדלעכ האָט לוקי געזאָגט, אז ס'איז גענוג האָלצ, ס'וועט קלעקנ אפ א גאנצער נאכט. מע האָט פונ עטלעכע זייַטנ אונטער־

געצונדנ די הויכע אָנגעוואלגערטע קופע האָלץ, אזוי אז אינ מעשעכ פונ פינפ מינוט האָט שוינ צום באנאכטיקנ הימל זיכ אופגעהויבנ אזא מינ זײַל פײַער אונ רויכ, אז מע האָט אים געקאָנט זענ אפ ווײַטע ווערסטנ.

דאָס פײַער האָט געוואָלט ברענענ אזוי בא א שאָ, אונ דערווײַל האָט מענ מײשקענ צוגערוקט נעענטער צו דעם אונ אלײנ אויכ זיכ צוגעזעצט אפ א קלעצל. מע האָט גערויכערט, געשפיגנ צווישנ די קני אונ געקוקט אינ פײַער ארײַנ. מע האָט געווארט, עס זאָל אופזידנ טײ אינעם פארויכערטנ בלעכענעם עמערל, וואָס לוקי האָט די גאנצע צײַט געטראָגנ צוגעבונדנ צום גארטל. מע האָט זיכ איבערגעוואָרפנ מיט א פאָר ווערטער וועגנ דעמ, אז די נאכט וועט זײַנ זײער א פראָסטיקע, אז שנײענ פאלנ דאָ אויס, דאכט זיכ, טיפע, נאָר געטראכט האָט זיכ יעדערער פונ זײַניקנ אונ געענטפערט ערשט נאָכ א גרויסער פויזע, פונקט דער ענטפער זאָל האָבנ זײער א גרויסע באדײַטונג פאר בײדנ אונ מע זאָל אים דארפנ גוט באטראכטנ...

מע איז געווענ מיד פונעמ איבערגעלעבטנ פארנ גאנצנ טאָג, אנגעפרוירנ, אָנגעמוטשעט, אונ איצט באמ פײַער געפילט א מינ שווערקײַט אינ אלע גלידער, ווי זײ זאָלנ זײַנ אָנגעגאָסנ מיט בלײַ.

אבע האָט געקוקט אינ פײַער ארײַנ מיט האלב־פארזשמורעטע אויגנ אונ פאָרגעשטעלט זיכ די שטאָט בירעבידזשאנ אזא, ווי ער האָט זי געזענ אינ דער נאכט פארנ אוועקלאָזנ זיכ אינ וועג. ער איז דאנ שפעט געשטאנענ באמ פענצטער אונ פונ דעמ צווײטנ שטאָק געקוקט אינ דער באנאכטיקער טיפ: ניט ווײַט איז געשטאנענ די פאָסט, א שלאנקע, א צווײגאָרנדיקע געבײַדע, פארגאָסנ מיט ליכט; באנאנד אונ אנטקעגנ איר זײַנעג געשטאנענ נאָכ עטלעכע אזעלכע הײַזער, אײניקע נאָכ באדעקט מיט רעשטאָוואניעס. אונ ארומ־אונ־ארומ, אפ וויפל דאָס אויג האָט נאָר געכאפט, זײַנענ פרײלעכ צעשאָטנ געווענ אינ בלוילעכנ שנײ פענצטערלעכ, פײַערלעכ. שווארצע, שטילע, רויכנ

האָבן רויִק געהויבן זיך צום אַש־גרויען הימל. ערגעץ ווײַט איז געלאָפן אַן אויטאָ מיט קאַלטע אָנגעצונדענע לאַמטערנס, פֿון עפּעס אַ ראָג האָבן זיך אַרויסגעשאָטן נאָך עטלעכע אויטאָס, און אַלע האָבן זיי, זשומענדיק און זיך גליטשנדיק, מיט בלויע לעכע פּאַסן שײַן, זיך אַוועקגעלאָזט צום בריק, וואָס האָט ווײַט אין דער נאַכט ערגעץ אַרום דער גרויער אופגעלאָפענער סאָפּקע אויסגעבויגן זיך מיט עטלעכע קלײנע עלעקטרישע פֿײַערלעך איבער דער ווײַס־פֿאַרקאָוועטער בירע.

לוקי האָט מיט אַ שטעקן איבערגעדרייט דאָס האַלץ אינעם שײַטער, עס זאָל בעסער ברענען, און אַ גאַנצער סנאָפּ פֿונקען האָט זיך אַ הייב געטאָן צום שוואַרצן הימל. אַבער האָט אָנגעשטעלט די פֿאַרזשמורעטע אויגן אויפֿן אָראָטשאָן. יענער האָט אונטער אָט דעם בליק אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און פֿאַרלוירן אַ שמייכל געטאָן. באַלד האָט ער אופגעהערט שמייכלען, געעפֿנט דאָס מויל אַף עפּעס צו זאָגן, נאָר באַרניט ניט געזאָגט און ווידער שולדיק אַזוי אַ שמייכל געטאָן. ענדלעך האָט ער זיך, זעט אויס, אַנטשלאָסן. — אַבע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און אַ מאָדנע פֿײַערל האָט אַ בליץ געטאָן אין די שמאָל־פֿאַרשניטענע אויגן זײַנע, — אַבע... מײַנע אַסאַך טראַכט — ניט פֿאַרשטיי... נו, נאָך וואָס דײַנע קום אין טײַגע?.. טײַגע קאַלט, ווײַט.. דײַנע טײַגע ניט ליב — נאָך וואָס גיי?.. טיכאָנקע דײַנער — יורטעס גרויסע... אַסאַך יורטעס... אַביסל־אַביסל גיי — און יורטע קום... וואַרעם, האַ... דײַנע טיכאָנקע זיצ — בעסער...

אַבער האָט רויִק אַ שמייכל געטאָן, כאָטש טיף אין אים איז אַלץ אופגעזאָטן געוואָרן. ער האָט אַ ווײַלע שווײַגנדיק געקוקט לוקין אין פּאָנעם: „ס'איז פּאָשעט ווילדע נאַיִווקײַט, — האָט ער געטראַכט, — צי ס'איז דאָ פֿאַראַן עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענער מיין? מיסטאָמע ביידע זאַכן — האָט ער באַשטימט, — נו, נו"...

— דאָרט, ווו טיכאָנקע שטייט, איז אַמאָל אויך געווען טײַגע, — האָט ער, אָפּוועגנדיק יעדער וואָרט, געזאָגט, — נאָך באַר

ניט לאנג איז דאָרט טײַגע געװען... אָט אזױװי דאָ... פארשטײסט?
לוקי האָט זיך פארװוּנדערט, אפילע צעעפנט א ביסעלע דאָס מױל — דאָרט, װוּ טיכאָנקע שטײט, איז אמאָל געװען טײַגע? אזא זאך הערט ער ערשט צום ערשטן מאָל... נאָר א גוטער יעגער דארף קײנמאָל ניט ארױסװײַזן זײַן פארװוּנדערונג, און לוקי האָט זיך אײַנגעכמורעט, אָפּ זײַן נידעריקן שטערן איבער די ברעמען זײַנען שטײַנ געבליבן צװײ הארטע גוליעס...
— זאָגסט, מיר האָבן ניט ליב די טײַגע? — איז אבע שױן געװען עטװאָס אופגערעגט, געבראָכן און אױסגעגלײַכט די ליני־קע ברעם. — װיאזױ זאָל איך דיר זאָגן... נו, אָט גיב א קוק אָפּ דער סאָפּקע: װער װײסט, װיפל טױזנטער יאָר זי שטײט שױן, און גראַניט... און זי איז דאָך פון גאָלע קאלכשטײנען... קאלך, פארשטײסט, װאָס דאָס הײסט?.. און אָט יענע אלע סאָפּקעס באהאלטן עפּשער אױס אין זיך אײַזנארץ... אײַזן, מעסערס, — האָט ער א װײַז געטאָן אָפּ לוקיס יעגערישן מעסער, — אײַזן, נו... און אָטאָ יענץ טײַכל טראָגט עפּשער אין זיך גאָלד... הײַנט דער װאלד, װאָס װאקסט דאָ ארום — מע קאָן דאָך אױס־בױען א שטאָט א גאנצע! די טײַגע האָבן מיר ליב, לוקי, אָבער ניט אזױװי דו האָסט זי ליב... אָט װעסטו זען, װיפל מענטשן ס'װעלן אהער קומען... מיר זײַנען דאָ נאָר די ערשטע, איך און מײשקע, און שפּעטער מיט א צײַט װעסטו שױן דאָס אָרט ניט דערקענען.
לוקי האָט געהערט שװײַגנדיק און פארטראכט. אבען האָט זיך מיטאמאָל אױסגעװיזן, אז לוקי פארשטײט אים נאָך אלץ ניט, און ער האָט פיבערדיק גענומען צװזוכן אין געדאנק פארשטענד־לעכע, פראָסטע װערטער. נאָר ער האָט זײ ניט געפונען אָפּ דער הײסער מינוט און אומצופרידן פארקנײטשט דעם שטערן, אױס־געקערעװעט זיך צו אים מיט דער פּלײצע און גענומען פארײכטן מײשקעס דעם צוקאָפּנס — ער איז געװען אופגערעגט און האָט געפילט א נױטװענדיקײַט עפּעס װאָס טון...

אבע אונ מײשקע האָבנ נאָכ אינ צוג געהאט דערציילט לוקינ, נאָכ וואָס זיי גייענ אינ זשורמי, אונ ער האָט אפ אלצ צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער פארשטייט. נאָר קלאָר פארשטאנענ האָט ער ניט. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס זייַנענ עס פאר א ווערטער „זאוואָד", „קאלכ", „אינזשעניער", אונ זיכ דורכגעדרונגענ אפילע מיט א מאָדנער שרעק פאר זייער פארבאָרגענעם באטייַט. נאָר פרעגנ אונ איבערפרעגנ יענעם איז ניט קיינ גוטע מידע. יענער דערציילט דיר — הער אונ שווייַג. אונ לוקי האָט שווייַגנדיק מיט אלצ אייַנגעשטימט, אונ מע האָט מיט אים אופגעהערט ריידנ דערפונ.

לוקי האָט שוינ עטלעכע מאָל געזענ קומענ פרעמדע מענטשנ צו זיכ אינ דער ווייַטער סטויבישטשע יאכסא. עטלעכע מאָל זייַנענ זיי געקומענ שליסנ אָפּמאכנ אפ רויכווארג, אנ אנדערש מאָל פלעג א בלאָנד מיידל קומענ צו רייַטנ אפ א פערד אונ עטלעכע טעג נאָכאנאנד היילנ די שלאפע; אונ איינמאָל איז אפילע געקומענ צו זיי עפּעס אייַנער אנ אלטיטשקער מיט א ווייַסע ארומגעשוירנ בערדל אונ מיט טונקעלע גלעזלעכ אפ די אויגנ אונ אופגעקליבנ זייערע אלטע הילצערנע „געטלעכ", געשניצטע כייַעלעכ פונ ביינ, אויסגעגייטע געמעלנ אפ פעל אונ איז דערמיט אוועקגעשווומענ ארופ מיטנ טייַכ. נאָר געוווּנדערט האָט אים אונ אומקלאָר אפילע געארט, וואָס אָט די צוויי, אבע אונ מײשקע, גייענ עפּעס אפ זייער לאנג אינ זשורמי, אונ וואָס נאָכ זיי וועלנ ערשט אָנקומענ נאָכ אסאכ מענטשנ...

בלאָנדזשענדיק אינ טייַגע, פלעג ער אמאָל אָנטרעפנ אפ גאנצע אויסגעהאקטע טאָלנ, באדעקטע בלויז מיט פעניאָקעס, אונ אפ הוילע ארומגערייניקטע שיפּוּים פונ סאָפּקעס. מענטשנ זייַנענ דאָרט אומעטום געשטאנענ, געהאקט, געזעגנ, אונ ביימער זייַנענ דאָ אונ דאָרט געפאלנ אונ, אומוואלגערנדיק זיכ, ווייַט אָפּגעהילכט אינ די ארומיקע סאָפּקעס... אונ ער פלעג שטענדיק פלייַסנ זיכ אוועקגיינ וואָס ווייַטער פונ אזעלכע ערטער, ווייַל

דאָ איז שוין קיין יאָגד ניט געווען, און שטענדיק פלעג ער פונ־
דאַנען אַוועקטראָגן עפּעס אַ געמישטן געפיל פון נײַגיר און
פײַנטלעכקײַט...

לוקי האָט די גאַנצע צײַט נעפלדיק זיך פאַרגעשטעלט, אַז
אויך אבע און מײשקע גייען אהער מיט אַזעלכע צוועקן, און
אָט דערפאַר האָט ער אָפּ דער שפּיץ סאָפּקע באַשטימט, אַז
זשורמי האָט איבער זייער אָנקומען אַוועקגעוואַנדערט... אָבער
איצט איז ער אינגאַנצן דערשטוינט געווען: אָט דער אומרויִקער
שטרענגער יונג, אבע, און דאָס־אָ ליכטיקע ייִנגל, וואָס שוין דער
ערשטער פּראָסט האָט אים אַוועקגעוואַלגערט, זײַנען דאָ געקומען
מאַכן אַלץ אַזויווי אין טיכאָנקע... ס'איז פּאַשעט לעכערלעך גע־
ווען! ווען ער דערציילט עס באַ זיך אין סטויבישטשע, וואָלט
מען עס אַוואַדע אָנגענומען פאַר זייער אַ פריילעכער געשיכטע
און געקײַכט פאַר געלעכטער. נאָר ס'איז אָבער פּאָרט אַזוי!
לוקי האָט אין דער טיף באַ זיך, אין ווילדער פאַרטײַעטקײַט
געפילט, אַז זיי זײַנען אומפאַרשטענדלעך שטאַרקער פאַר אים,
אָט די צוויי מענטשן, ווי אומפאַרשטענדלעך עס זײַנען פאַר אים,
די גרויסע הילצערנע הײַזער, וואָס מע שטעלט זיי אין טיכאָנקע
אַרום איינס אַפּנ צווייטן, ווי אומפאַרשטענדלעך ס'איז פאַר אים
דער וווּנדער פון די עטלעכע צוניפגעטשעפּעטע גרינע לויפנדיקע
שטיבעלעך, אין וועלכע ער איז נעכטן דורכגעפאָרן פון איין
עק טײַגע אין דער צווייטער. ער איז שוין ווידער גרייט גע־
ווען זיך אויסקערעווען צו אבען און עפּעס פרעגן. און שוין
דערפון אַליין איז ער בייז געוואָרן אַפּ זיך. ער האָט אויסגע־
קלאַפּט אָן אַ צווײַג דעם אַש פון זײַן הילצערנער ליולקע, ווי־
דער פאַוואָלינקע אָנגעשטאָפּט זי מיט טוטין און אַרויסגעשאַרט
פונעם פײַער אַ קליין קוילעכל צום פאַרויכערן...

די נאַכט האָט געדיכט באַשאָטן דעם הויכן פּראָסטיקן הימל
מיט אָן אַ שיר פינקלענדיקע קליינע שטערנדלעך. לוקיס „טײַגישע

באָד" איז שוין געווען גרייט. דער שײַטער, וואָס ער האָט אים צעלייגט אַף אָנדערהאַלבן קלאַפטער די לענג, האַרט בײַ דער וואַנט פון סאָפּקע, האָט שוין אָפּגעבערנט א גוטע שאָ און שטאַרק אָנגעגליט דעם שטיינערנעם באָדן. לוקי און אַבע האָבן מיט לאַנגע דרענגלעך איבערגערוקט דאָס פײַער אין א זײַט, אַף דער אָנגעברענטער ערד האָט מען געדיכט אָנגעשאָטן צווײַגעלעך פון פּיכטעס און צעדער־ביימער, און אַף אָט דער אייגנאַרטיקער בעט אַריבערגעטראָגן מיישקען. צוגעדעקט האָט מען אים, מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט.

פון אונטער די צווײַגלעך און גרינע ווייכע נאָדלען האָט געזעצט א מעכײַעדיקע דאַמפּיקע היץ און אײַנגעהילט דאָס פאַרווינטיקטע אָנגעפּרווירענע לײַב אין א מעכײַעדיקער זיסער שלעפעדיקײַט. דער שײַטער, וואָס האָט מיט פײַער־צונגען געקנאַקט צווישן ביידע ווענט פון סאָפּקע, האָט זיי אינגאַנצן פאַרשטעלט פון דער אַרומיקער פינצטערער וויסטעניש.

דער ערשטער האָט לוקי געוואָלט וואַך זײַן בײַם פײַער. אַבע האָט זיך אָוועקגעלייגט לעבן מיישקען. ער האָט לאַנג און אומרויִק זיך אײַנגעהערט אינעם פײַפנדיקן פאַרשטיקטן כריפּ, וואָס איז געגאַנגען פונעם ברודערס ברוסט, אין די קרעכצן, אינעם היציקן שעפּטשען פון די ליפּן — און א קעלט האָט אים דורכגענומען. אנשלאָפן געוואָרן איז ער אונטערן אײַנדרוק פון אָט דעם שווינדערלעכן כריפּען, און ס'האָט אים א גאַנצע נאַכט געמאַטערט כאַלומעס. ער האָט געזען די מאַמע, ווי זי שטייט מיט אויסגעשטרעקטע כאַלעשנדיקע הענט אין עק שטעטל און באַגלייט אַרויס אין דער פרעמד אירע צוויי זין, אירע צוויי אויגן אין קאָפּ. ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט אָפּהיטן מיישקען, און ניט פאַרהיט...

אין שלאָף האָט ער די גאַנצע צײַט געפילט די היץ פונעם שײַטער פון איין זײַט, און דעם פראָסט, וואָס האָט שטילינקערהייט דערקליבן זיך צו אים, פון דער צווייטער זײַט. און אין

מויעך איז אופגעשווומען דער קאלך־זאוואָד אין גאָלע פײַערן פון זײַנע מעכאַניזירטע אויוונס, און טייקעפּ טאקע, אנטקעגנ׳ אין שנייען פאַרווייט, טיף פאַרוקט אין דער אוראַלטער גרויקייט פון עפּעס א וואַלד — עטלעכע געציילטע יורטעס פון דעם יע־ געריש האַלב־ווילדן שייוועט... אבער האָט געפילט א שרעקלעכן פאַרדראָס, איז געקראָכן אפ עפּעס א סאָפּקע און מיט אַלע קוילעס געשריגן צו די יורטעס... גערופן... ערשט ער קוקט זיך ארום — ס׳איז גאָר ניט ער שרײַט, ניט ער, אבער, שטייט אפ דער סאָפּקע — מיישקע איז עס! און ניט אפ קיין סאָפּקע! זײַן ברודער שטייט ביז האַלב א פאַרשאָטענער אין שניי, מאַכט מיט די הענט און שרײַט: „שניי טראָגט אָן, היי, איר הערט!“

אז אבער האָט זיך אופגעכאַפּט, איז ארום טויט־שטיל געווען. מיישקע האָט רעגלמעסיקער געאָטעמט, איז געלעגן רויִק, שווער פאַרמאַכט די וויִעס, דאָס פּאָנעם רויט און פאַרפלאַמט, צי פון שטאַרקער היץ, צי פונעם פרייִלעכן פײַער, וואָס האָט דערנעבן גע־ ברענט. א וואַרעמע האָפענונג האָט דורכגעדרונגען אבערן, ער האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט...

לוקי (אבער האָט א טראַכט געטאָן אים גיין פאַרבײַטן) איז געזעסן אפ א קלעצל נאָענט צוגערוקט צום קאָאַקנדיקן פײַער, געהאַלטן צוגעמאַכט די שמאָלע אונטערגעשוואָלענע אויגן, א ביסעלע אָפּן דאָס מויל, און אפ זײַן גאַנצן פלאַטשיקן געזיכט איז ווי פון אינערלעכע, ליכטיקע זעונגען געווען אויסגעגאָסן א קינדערשער פאַרגאַפטער שמייכל... ס׳איז אפילע שווער געווען צו זאָגן, צי ער שלאָפט, לוקי, צי ניין. נאָר איינס איז קלאָר געווען, אז ס׳איז אים איצט זייער גוט, און אבער האָט באַשלאָסן אים ניט טשעפּען. ער איז שוין אזוי געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן, פאַרקוקט זיך טיף אין פראָסטיקן הימל אַרײַן, אינעם בלאַסן רויִקן גאַנג פונעם מילך־וועג און זיך פאַרטראַכט וועגן זיך, וועגן זײַן אייגענעם גאַנג אין לעבן...

א פּאָשעט ייִנגל — א סטעלמאַך איז ער געקומען אין שטעטלשן

קאָמיוג־קעמערל, און אויך אזא פּאָשעט ייִנגל, א ביסל א צעשראָקענעם, מיט א צעריסענעם רענצעלע אין די הענט, האָט אים שפּעטער מיט א פּאָר יאָר אראָפּגעלאָזט דער צוג אפּ א ראַשיקן וואָקזאל — דאָס קעמערל האָט אים געשיקט אין ארבפּאק. יאָרן אין צוזאמענוווינונגען, שלאָפלאָזע נעכט בא ביכער, צייכענונגען — א גאנצ אויסגעטראָטענער וועג פונ אסאכ אזעלכע ווי ער. שפּעטער שוינ — א סטודענט פונ בוי־אינסטיטוט. ער איז אויסגעוואקסנ, אבע, אפּ ניט צו דערקענענ. יענצ דערשראָקענע ייִנגל מיטנ צעריסענעמ רענצעלע אפנ ראשיקנ וואָקזאל איז שוינ ווייט־ווייט פארבליבנ, און דאָך פילט ער זיך נאָך אלצ יונג, יונג און גרינ, אליינ שאפּט ער נאָך גאָרניט, ער גרייט זיך דערצו. גלייַך אפנ ארויסלאָז־אָוונט האָט ער זיך מאָביליזירט קיינ בירעבידזשאנ — „כ'וויל, — האָט ער געזאָגט, — א שווערנ און פארנטוואָרטלעכנ באצירק!“ און אזוי גוווּרעדיק־רייַפ, ווי ער האָט זיך דערפילט איצט, ווענ ער האָט דאָס ערשטע מאָל א טראָט געטאָנ אפּ דער־אָ גרייַז־גראָער ערד, האָט ער זיך נאָך קיינמאָל ניט געפילט. פונעמ ערשטנ טראָט אָטאָ דאָ, פונעמ ערשטנ קוק אפּ דער־אָ גאנצער גרויזאמער ווילדקייַט ארומ, וואָס וואָלט א צווייטנ דערשראָקנ, האָט אימ אזא אקשאָנעס און אזא גרויס אומגעדולד ארומגעכאפּט — ביז אנ אופגערעגטנ ציטער אינ אלע גלידער.

איצט לאָזט עס אימ שוינ אפילע ניט איַינליגנ. ס'איז קאיאָר, די שטערנ לעשנ זיך, פארגייענ אינ א בלאסנ הימל. ס'ווערט טאָג, דער ערשטער טאָג פונ זייַנ געפינענ זיך דאָ. עכ, ווענ מיישקע זאָל ניט געווענ אזוי נאריש פארשלאפט ווערנ, וואָלטנ זיי דאָך איצט אינצווייענ אויסגעמאָסטנ דאָס אָרט אינ דער לענג און אינ דער ברייט — אזויפיל ארבעט שטייט פאָר! אזויפיל פראגעס וואקסנ אָנ! אָט וואָלט מענ געדארפט באשטימענ, ווו אָנהייבנ האקנ דעמ געהילצ פאר דער בויונג, ווו אוועקשטעלנ די ערשטע באראקעס. און ער האָט עפעס אפילע

דערפילט אין דער טיף בא זיך א טויבן פאַרדראָס אַף מיישקען, וואָס בינדט אים די הענט, ער האָט אָבער טייקעף אַליין פאַרשעמט זיך פאַר אָט דעם געדאַנק...

פלוצעם האָט אבע זיך אופגעזעצט.

מיישקע האָט קוים אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט א שוואַכער, אָנגעבראָכענער שטים גערופן:

— אבע...

ער איז צוגעפאַלן מיטן אויער צו מיישקעס בלאַסע פאַרטריקנטע ליפן. א פאַרדומפּטע היץ, ווי פון איבערגעברענטן קאַלך, האָט א זעץ געטאָן פון זיין מויל:

— טרינקען... אוי... אוי, ס'ברענט...

מיישקע האָט געטרונקען זשעדנע, אַסאַך. אבע האָט מיט דער האַנט אים אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ, געקוקט אַף זיינע שוואַכע צוגעמאַכטע וויִעס, וואָס יענער איז ניט אימשטאַנד געווען זיי צו עפענען, אַפן קליינינקן, עטוואָס פאַריסענעם נעזל, וואָס האָט אפילע איצט א מין פאַרשייטן כיין צוגעגעבן זיין פּאָנעם, און אַלץ געזוכט א באַשטעטיקונג צום ציטעריקן געדאַנק, וואָס האָט ביז ווייטעק געעקבערט די שלייפן: „ער וועט זיך אויסדרייען... ס'ניט מער ווי א צוקיל... גריפּ מיסטאָמע... און אָט ווערט דאָך אים בעסער, האַ?"

נאָר מיישקעס בלאָנדער קאָפּ איז צוריק ליגן געבליבן אַף די צווייגן, און ער האָט ווידער פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין.

א גרויסער אומעט האָט ארומגענומען אבען. ער איז שוין געבליבן זיצן אזוי לעם מיישקען, מוירע געהאַט, אז יענער זאָל זיך ניט צעדעקן. ער האָט אוועקגעלייגט די האַנט אים אַפן הייסן שטערן און שטאַרק פאַרטראַכט זיך. אַפן געדאַנק זיינען אים געקומען פאַרשיידענע ווילדע פּלענער, וויִאזוי צו ראַטעווען דעם יאַט, נאָר ער האָט זיי אַלע אין אָנמעכטיקייט אָפּגעוואָרפן. א ווײַלע האָט ער שוין געהאַט באַשטימט בא זיך מאַכן פון צווייגן א טראָג־בעטל און מיט לוקיס הילף אָפּטראָגן מיישקען אין

דאָרפֿ אַרײַן. האָט ער אָבער מוירע געהאַט דעם יאַט איצט רײַ־בעוועז און קילן... פֿאַר אים איז איצט בעסער פֿון אַלץ געווען איבערשלאָפֿן. „אָט ווען ער שוויצט דורך אַ ביסל, — האָט אַבע געטראַכט, — אײַן מאָל נאָר גוט דורכשוויצן — און דער יאַט איז געראַטעוועט...“

ער האָט געטאַפּט מײשקען דעם פּולס, אײַנגעהערט זיך אין יעדן אָטעם זײַנעם, אומרויִק זיך אײַנגעקוקט אין די ליפּע, פֿאַר־שײַטע שטריכן פֿון זײַן פּאָנעם און אַלץ ווי געוואָלט אויסלייע־נען פֿון זיי און פֿאַרשטיין דעם פֿיבערדיקן גאַנג פֿון זײַנע כאַ־לוימעס, דעם הייסן פֿאַרסאַמטן געלאָפּ פֿון זײַנע בלוטן, דעם געראנגל פֿון זײַנע יונגע קויכעס...

מײשקע האָט שוואַך געעפֿנט די אויגן:

— ווו בין איך?..

ער האָט ניט אויסגעהאַלטן אַפֿילע אָט די בלאַסע שײַן פֿון די זיך לעשנדיקע שטערן און צוריק פֿאַרמאַכט די אויגן:

— אַבע...

ער האָט נאָכאַמאָל געבעטן טרינקען. דערנאָך איז ער ווי־דער אײַנגעזונקען אין טיפֿן, שווערן שלאָף. ער האָט אינגאַנצן געברענט. אַבע האָט ביז ווײַטעק געביסן די ליפּן, זײַן לינקע געדיכטע ברעם האָט ניט אויפֿגעהערט צוקן און זיך ברעכן. שווערע געדאַנקען האָבן אַלץ נידעריקער געבויגן זײַן קאָפּ צו דער ערד.

...ווען ער איז פֿאַרן אָפּפֿאָרן קיין בירעבידזשאַן געקומען צו זיך אין שטעטל געזעגענען זיך מיט דער אַלטער מאַמען און מיטן אײַנציקן ברודערל, איז אַנטקעגן אים אַרויסגעלאָפֿן ניט קיין דאַר, באָרוועס יאַטל אין קורצע טרוסיקעס, ווי ער איז גע־ווינט געווען צו זען מײשקען, נאָר אַ שלאַנקער יונגאַטש מיט אַזאַ העלער לעבנס־לוסטיקײַט אין די גרינע, שטיפֿעריש־צוגע־זשמורעטע אויגן, און מיט נאָך ניט קיין פֿאַרהאַרטעוועטן אָבער זיכערן באַס. פֿאַר די עטלעכע טעג געפֿינען זיך צוזאַמען האָבן

ביידע ברידער זיך צוגעבונדן איינס צום צווייטן, און עפּעס אַפּסניי און אַזוי מאָדנע זיך ליב באַקומען, אַז ביידע האָבן זיי דערפילט, זיי וועלן זיך שוין מער ניט צעשיידן!

מײשקע איז בעפּיירעש אַ יאַט מיט אַ שווונג, אַ דרייסטער און ניט קיין נאַרישער. ס׳האָט אים אַזוי ייִנגלש־נאַיִוו געצויגן סטאַם אין דער גרויסער וועלט אַרײַן, ס׳האָבן אין אים אַזוי געברויזט די יונגע קרעפטן! אָבער אין קליינעם שטעטעלע איז ניט געווען ווו זיי אויסצוברענגען. און אַבע האָט באַשטימט אים מיטנעמען מיט זיך. „ס׳וועט פון אים זײַן אַ טאָלק״ — האָט ער געטראַכט.

אַבע האָט פעסט באַשטימט, אַז ווען ער וועט קומען קיין בירעבידזשאַן, וועט ער מײשקען אָפּגעבן לערנען, — עפּעס זײַנען דאָך דאָרטן פאַראַן טעכניקומען. נאָך דערפון קאָן ערשט זײַן אַ רייד אין האַרבסט, און דערווײַל וועט ער צואַרבעטן מיט אים באַם גרייטן זיך צו דער בוּיונג. די ערשטע און וויכטיקסטע אַרבעט איז איצט פאַרגרייטן געהילץ און אָפּשטעלן כאָטש אַ פינף באַראַקעס, קעדיי קאָנען אופנעמען צו פרילינג־צו די ערשטע איבערוואַנדערער. און אָט די אַרבעט האָט ער טײלווײַז באַשטימט אַרופלייגן אף מײשקען. ער אַליין קאָן זיך דאָ ניט אָוועקזעצן אפן גאַנצן ווינטער. מע דאַרף צופאָרן קיין כאַבאַראָווסק דערשלאָגן זיך די רעאַליזירונג פון די נאַריאַדן אף בוימאַטעריאַלן, דורכקאָנטראָלירן דאָס צושטעלן די אויסשטאַטונג, צוקלײַבן די נייטיקע מענטשן — איז וועט ער דאָ נאָך אָנהייבן די געהילץ־פאַרגרייטונגען. מיט דער הילף פונעם קאָזאַקישן קאָלווירט, וועט אָוועקשטעלן אַ געניטן האָלץ־העקער פאַר אַ בריגאַדיר און אָוועקפאָרן, און בלײַבן דאָ אף דער צײַט וועט מײשקע.

ווען ער האָט עס אים געזאָגט, האָט דאָס ייִנגל פאַר פרייד ניט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. — אוי, אַבע, אַבעלע, — האָט ער געשריגן, — טײַערער! אוי, גאָט... אוי, וועסטו זען, ווי ס׳וועט זיך בא מיר אַרבעטן... כ׳וועל אַליין אויך שנײַדן, וואָסי, כ׳קאָן ניט?

אבער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און מיט א שווערן אויסגע־לאָשענעם בליק א קוק געטאָן ארום זיך: ווינטערדיק־גרוי, שטיל, אָן שום פריידן האָט געשטעלט זיך דער טאָג אין טײַגע. מיט פראָסט־טוי באדעקט, האָבן אונטן אין טאָל געציטערט די קעפּ פון די הונדערטיאָריקע צעדער־ביימער. ווײַס־ווײַט, ערגעץ אין די בלויע פאלדן פונעם בארגיקן האָריזאָנט, האָט קוים געוומען גליַען א ראנד פון א סאָפּקע...

און מיטאמאָל האָט אבער דערזען, אז לוקי איז ניטאָ באם שײַטער. ער איז אופגעשטאנען און זיך ארומגעקוקט — לוקי איז ניט פאראן. אזא גרויזאמע, פארעטערישע שטילקײַט איז געשטאַנען ארום. ער האָט דערפילט, ווי א קעלט נעמט דורכן זײַן לײַב.

„וואָס איז דאָס? — האָט ער א טראכט געטאָן. — ווּהין האָט ער געקאָנט אוועקגיין?"

„אוועקגיין? און עפשער אנטלאָפן... איבערגעלאָזט אונדז דאָ אליין..."

ער האָט געמאכט עטלעכע האסטיקע שפאן הין און צוריק און איז געבליבן שטיין מיט שטארק פארזשמורעטע אויגן.

— לוקי! לו־ו־קי־י! — האָט ער הויך אָפּ א קאָל א רופ געטאָן... די טײַגע האָט אים געענטפערט מיט א ווײַטן ווידערקאָל.

„ניין... ס'קאָן ניט זײַן... ער וועט דאָך מיך ניט איבערלאָזן אינמיטן טײַגע מיט א קראנקן ברודער אף די הענט..."

„אָבער ווו־זשע איז ער?"

— לוקי! לוקי־י! — האָט ער גערופן מיט אלע קויכעס, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, בלויז פון א צווײַג פון א נאָענטן בוים האָט זיך אראָפּגעשאָטן א ביסל גרינגער שניי, ווי פינקלענדיקער זילבער...

אבער האָט אפגיך אונטערגעוואָרפן עטלעכע שײַטלעך האָלץ אינעם שײַטער, גוט ארומגעדעקט מיישקען און קימאט לויפנדיק געלאָזט זיך בארג־אראָפּ. אינעם טיפן שניי באם טײַכל האָט ער באמערקט פרישע שפורן פון לוקיס טריט און איז אין פארלעגנהײַט

געבליבן שטיין. די שפורן האָבן געפירט ארוף, אין די סאָפּקעס...

לוקי האָט זיך אופגעכאפּט פונעם לײַכטן דרעמל, אין וועלכן ער איז, זיצנדיק אַזוי באַם פּײַער, אריײַנגעפאלן, מיט א מין מאָדנעם, אומגעוויינלעכן ווייטעק אין קאָפּ און מיט א געפיל פון שטארקער בענקעניש און אומרו. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאָ האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן פאר דער צײַט, וואָס ער איז אײַנגעשלאָפן. ער האָט זיך א קנייטש געטאָן און ווידער דערפילט דעם טעמפּן ווייטעק אין קאָפּ. ער האָט פּאוואָלינקע אויסגעצויגן איין פוס, דערנאָך די צווייטע, זיך א צי געטאָן מיטן גאנצן קערפּער און איז אופגעשטאנען.

ס'האָט ערשט קוים־קוים געוומען שאריִען אָפּ טאָג. שטערן אין הימל האָבן נאָך פאַרפרוירענע געפינקלט און געניורעט זיך איינס צום צווייטן, און די ביימער זײַנען געשטאנען טונקעלע און הויכע, ווי שאָטנס. א בענקעניש האָט א צאפּל געטאָן אין לוקין — אָט אין אזא שאָ לאָזן זיך דאָרט, אין זײַן ווײַטער סטוי־בישטשע יאכסא די אָראָטשאָנער אָפּ יאגד... עס בילן די הינט און לויפן אוועק אָפּ פריִער... די פרויען גייען נאָך א ביסל, בלײַבן שטיין בא דער עקסטער יורטע און באגלייטן שוין די מאנצבלען מיט אויסגעצויגענע דערמונטערנדיקע אויסגעשרייען: — א־א־א־יא־יי־י... אָ־א־אי... און זיי, די מאנצבלען, גייען מיט זיכערע פאמעלעכע טריט אין ווייכע אונטעס [1], אין פעלצלעך, אין האָריקע דאָכעס, די ביקסן — אין די הענט, קלומקעס שפּײַז — אָפּ די פּלייצעס, און מע באגליקט אפילע ניט די פרויען מיט אַן ענטפער־אויסגעשריי...

אבער איז ניט געשלאָפן — לוקי האָט עס טייקעף באמערקט, — ער איז געלעגן אָנגעשפּארט אָפּ אַן עלנבויגן מיט דער פּלייצע

1 אונטעס — א מין שוכווארג בא די פעלקער פון ווײַטן מיזרעכ. ווערט געניייט פון כײַישע פעל.

צומ פיַיער אונ פארטראכטערהייט געקוקט גליַיכ אינ דער נאכט אריַינ. מיישקע איז געלעגנ לעבנ אימ אונ מיד געסאָפּעט. לוקי איז געשטאנענ א ביסל לעבנ שיַיטער, געקראצט זיכ מיט א האנט אונטערנ היטל, א גענעצ געטאָנ, אונ אז אבע האָט אימ אלצ ניט באמערקט, האָט ער פילבאדיַיטנדיק א שאָקל געטאָנ צו זיכ אליינ מיטנ קאָפּ. שטיל־שטיל זיכ אָנגעבויגנ, גענומענ די ביקס, דעמ יאגד־זאק, פאריכט די פאסיקלעכ פונ די אונטעס, ווידער א קוק געטאָנ אפּ אבענ אונ, גאנווענענדיק זיכ אפּ די שפּיצ־פינגער, אוועקגעגאנגענ. אינ דער נאכט האָט זיכ אפילע קיינ שאָרכ פונ זיַינע טריט ניט געהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דריַי יעגערס פונ לוקיס סטויבישטשע אונ ער — דער פערטער זיַינענ אינ געיעג נאָכ סויבלענ זייער וויַיט אוועקגעגאנגענ אינ טיַיגע. פלוצעמ האָט אפּ איינעמ פונ זיי זיכ א וואָרפ געטאָנ א טיגער, אונ נאָר א באציַיטיקער, טרעפלעכער שאָס גליַיכ דער כיַיע אינ קאָפּ אריַינ, צווישנ די אויגנ, האָט געראטעוועט דעמ אָראָטשאָנ דאָס לעבנ. דער יעגער איז ארופגעקראָכנ אפּ א סאָפּקע אונ געגעבנ עטלעכע שאָס אינדערלופטנ, קעדיי צונויפצורופנ אלע זיַינע כאווייריִמ. אלע האָבנ זיכ שטארק פארווונדערט, ווענ מע האָט דערזענ אָט די שרעקלעכע כיַיע אויסגעצויגנ אפּ דער ערד. זיי האָבנ שטארק געלויבט די געוואגטקיַיט פונ זייער כאווער. א טיגער דארפ מענ ברענגענ אינ רויכוואַרג־פארבאנד גאנצערהייט. האָבנ זיי אימ איבערגעבונדנ די פעדערשטע אונ הינטערשטע פיס, דורכגערוקט דורכ זיי א פעסט דרענגל צומ טראָגנ אונ געלאָזט זיכ אינ וועג. אָבער וווהינ גיינ? אָנדערהאלבנ טאָג גאנג פונדאנענ געפינט זיכ דער קוקאנער רויכוואַרג־פארבאנד, וווהינ זיי טראָגנ פונ שטענדיק אָנ זייער פעל, אונ אנ ערעכ צוויי טאָג גאנג אפּ דאָרעמ איז שוינ טיכאָנקער רויכוואַרג־פארבאנד. זיי האָבנ געהערט פונ טיכאָנקע, אונ וויַיל דאָס הארגענענ א טיגער איז געווענ א זעלטענער פאל, האָבנ זיי בעסער אויסגעקליבנ

דעמ לענגערנ וועג. מע איז געקומענ. די יעדיִע וועגנ די אָראָטשאָנער, וואָס האָבנ געבראַכט א געטויטנ טיגער, האָט זיכ טײַקעפּ צעטראָגנ איבער דער שטאָט. נאָר די יעגער זײַנעג זיכ באַשיידנ געזעסנ אינ פאָרהײַזל פונ רויכוואָרג־פאַרבאַנד אונ איבערגעביסנ. דערבײַ האָבנ זיי געהאַט אזא אויסזעג, ווי זיי וואָלטנ גאָר כאַראָטע געהאַט אפ דער גאַנצער געשיכטע. פלוצעמ איז צו זיי צוגעקומענ עפּעס א פרעמדער באָכער, גענומענ מאַכנ ווילדע האַווײַעס מיט די הענט אונ געהאַלטנ אינ איינ איבערכאַזערנ „זשורמי־זשורמי“. צווישנ די יעגער האָט נאָר איינ לוקי געקענט א ביסל רוסיש אונ איבערגעזעצט זיי, וואָס דער פרעמדער וויל. ס'איז געווענ אבע, ער האָט געוואָלט, אז איינער פונ די יעגער זאָל אימ דורכפירנ קיינ זשורמי.

דאָס ביסל רוסיש האָט לוקי זיכ אויסגעלערנט פונ סאַווע דאָאָנקאַנ, אנ אלטנ יעגער פונ זײַנ סטויבישטשע, וואָס האָט פאַר זײַנ לעבנ אויסגעשפּאַנט די טײַגע אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, אסאַכ געזענ אונ אפ דער עלטער באַקומענ א טעווע פלאַפּלענ אסאַכ אונ דערציילנ אויסטערלישעס, אזעלכעס, וואָס ס'האָט זיכ אימ אפילע קיינמאָל ניט געכאָלעמט אויכ. אינ סטויבישטשע איז סאַווע געווענ פאַרעכנט פאַר א גרויסנ ליגנער, א באַרימער, אונ מע האָט זיכ צו זײַנע רייד ניט צוגעהערט. איינ לוקי פלעג אָפּט ליב האָבנ זיכ פאַרקלײַבנ צו סאַווענ אינ יורטע אונ באַמ טרוקענעמ טרישטשענ פונעמ שײַטער, אויסקלאַפּנדיק א ליולקע נאָכ א ליולקע, ביז שפּעט אינ דער נאַכט הערנ זײַנע געשיכטעס. ער איז פונ דער נאַטור געווענ א נײַגעריקער, לוקי, אונ ס'האָט אימ געצויגנ אסאַכ צו זענ, — אָט אזויווי סאַווענ. דאָס האָט, אייגנטלעכ, ער, לוקי, אונטערגעזאָגט די יעגער דעמ געדאַנק אוועקלאָזנ זיכ מיטנ געהאַרגעטנ טיגער קיינ טיכאָנקע, ניט קיינ קוקאַנ, אונ ער האָט עס מיט אזא היצ פאַרטיידיקט, אז מ'האָט אימ געפאָלגט...

אינ האַרצנ באַ זיכ האָט לוקי געהאַלטנ סאַווענ פאַרנ קלוגסטנ

מענטשן אין סטויפּישטשע. ער האָט געזען, אַז ווען סע קומען אָן ווײַסע מענטשן פון ערגעץ ווײַט, שיקט מען טייקעף רופן סאָווען, ער זאָל מיט זיי ריידן און איבערגעבן אַלעמען, וואָס זיי ווילן. און סאָווע פלעגט זיך גראָד דעמלט אײַנשפּאַרן, ווען, מע זאָל אים בעטן. די עלטסטע אָראָטשאָנעס פון סטויפּישטשע פלעגן דערווײַל אָנמעכטיק פּלאַפּלען אַף דער אייגענער שפּראַך, די פרעמדע — אַף זייערע. ביידע צדדים פלעגן מאַכן ווילדע צורעס, זיך קרימען און פאָרט ניט קאָנען זיך פאַרשטיין. ענדלעך אָבער פלעג סאָווע אַרויסקריכן אַ געהויקערטער, אַ דאַרער פון זײַן יורטע, פונדערווײַטנס אַ וואָרף טון צו די פרעמדע עפּעס אַ וואָרט. יענע פלעגן אַ שמייכל טון און ענטפערן מיט דעם זעלבן (שפּעטער שוין האָט לוקי זיך דערוווּסט, אַז דאָס באַגריסט מען זיך אַזוי מיט רוסישע). ער פלעג צוגיין, סאָווע, דערלאַנגען יעדערן די האַנט און נעמען ריידן גיך־גיך, פליסיק, פליסיקער אַפילע, ווי די רוסישע אַליין, און די גאַנצע סטויפּישטשע פלעגן שטיין און גאַפן מיט צעעפנטע מײַלער...

איז אָטאָ די פרעמדע פליסיקע שפּראַך האָט לוקי אַ ביסל איבערגענומען בײַ סאָווען. פון זײַנע מײַסעס האָט ער אויך געוווּסט, אַז די מענטשן, וואָס רעדן אַף אָט דער שפּראַך, לעבן זייער אַ מאָדנעם לעבן: מע גייט ניט אַף געיעג, מע כאַפּט ניט קיין פיש, און אַפילע די יורטעס זייערע זײַנען ניט ענלעך אַף די, אין וועלכע ער לעבט. אין טיכאָנקע האָט ער דאָס אַלץ דערזען, אָבער ניט פאַרשטאַנען. דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן, האָט אים נאָך מער איבעראַשט, איידער אַלע אויסטערלישע סאָוועס געשיכטעס. דאָרט פלעג ער הערן די וווּנדערלעכסטע מײַסעס און אינדערשטיל בײַ זיך טראַכטן, אַז ס'אַ ליגן, מיסטאָמע ניט אינגאַנצן אַזוי. אָבער דאָ האָט ער אַלץ דערזען מיט זײַנע אייגענע אויגן, ער האָט געזען קאַסטנס, אין וועלכע מענטשן פאָרן אום. ס'איז אין זיי גאָרניט אײַנגעשפּאַנט, זיי האָבן נאָר צוויי ליכטנדיקע פײַערן פונפאָרנט, און דאָך טראָגן

זיי זיכ נאָכ גיכער, איידער די בעסטע הירשנ בארג־אראָפ; ער האָט געזענ הויכע סלופעס, וואָס שטייענ איַינגעגראָבנ אינ דער ערד אונ ברענענ נאָר פונויבנ, באם צווייטנ עק, — א גאנצע נאכט ברענט אזא סלופ אונ ווערט ניט פארברענט... אונ די מענטשנ אליינ, א מינע טומלענדיקע, א מינע פארהאוועטע... אונ דאָ קומט מיטאמאָל איינער אזא אונ בעט זיכ, אז עמעצ פונ די יעגער זאָל אימ דורכפירנ קיינ זשורמי. לוקינ איז עס גלייַכ גע־פעלנ געוואָרנ. ער האָט זיכ שיר אליינ ניט ארויסגערופנ גיינ. נאָר א יעגער דארפ זייַנ איַינגעהאלטנ, געצוימט, אנ עכטער יע־גער ווייַזט ניט ארויס אפילע מיט קיינ פינטל פונ אויג זייַנ אי־בערלעכנ צושטאנד. אונ לוקי האָט קאלט, רויִק איבערגעזעצט די יעגער, וואָס דער פרעמדער וויל. די אָראָטשאָנעס האָבנ ווירדיק אויסגעהערט, איבערגעקוקט זיכ אונ גאָרניט ניט געזאָגט. דער־נאָכ האָט מענ רויִק פאָרגעזעצט דאָס עסנ, דערנאָכ — פאוואָלינקע פארויכערט אונ ווי פארגעסנ גאָר אינעמ שווארצנ באָכער, וואָס איז געשטאנענ צוגעשפארט מיט אנ אקסל צו דער וואנט אונ אומגעדולדיק, בייַסנדיק די ליפ, געווארט אפ ענטפער. ענדלעכ האָט איינ יעגער, דער, וואָס האָט געשאָסנ דעם טיגער אונ איצט זיכ שוינ גערעכנט פארנ עלטסטנ צווישנ זייַנע כאווײרים, ארויס־גענומענ די ליולקע פונעמ מויל אונ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ אפ יאָ:

— מע קאָנ...

ער האָט אָנגעשטעלט דעם בליק אפ לוקינ:

— אָט ער וואָלט געדארפט גיינ. ער קענ רוסיש, ער האָט יונגע פיס... מע וועט אימ גוט באצאָלנ...

אונ לוקי האָט שוינ דערינ אפילע איַינגעזענ עפעס א קאָ־ווער פאר זיכ. די איבעריקע צוויי יעגער האָבנ געשוויגנ, גע־שאָקלט מיט די קעפ, אונ די שמאָלע אויגנ זייערע האָבנ גע־זאָגט:

— יאָ, מ׳איז מאסקימ.

לוקי האָט מיט פרייד אײַנגעשטימט אוועקגיין מיט אבען און מײשקען אין טײַגע. ער האָט געוואָלט זײַן לעם אָט די מענטשן און גוט צוקוקן זיך צו זיי. צווערשט האָט ער זיך אפילע רעכט ניט פאַרטראַכט, נאָך וואָס זיי גייען דאָס אין זשורמי. אָבער ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַנע כאַווײרים, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט א וויסטן טאָל, קוים א פאַרשאָטענעם מיט שניי, צו די ערשטע ווײַטע קוסטעס־וועלדלעך אין צאָפּן זײַט, צו זײַן סטויבישטשע יאַכסאַ, האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט א בענקעניש און אַן אומרו. און אָט־אָ דער אומקלאָרער געפיל איז אים שוין געבליבן אף דער גאַנצער צײַט. צו זײַנע צוויי מיטגייער האָט ער זיך באַצויגן מיט פאַרבאָרגענעם פאַרדאַכט — נאָך וואָס גייען זיי אין טײַגע? וואָס ווילן זיי טון אין זשורמי? — ער האָט אַלץ געוואַרט עפּעס פון זיי, געווען אָנגעשפּיצט און גרייט, טאָמער וואָס, א וואָרף טון זיך אין דער געדיכטעניש פון די ביימער און פאַרשווינדן...

נעכטן, אף דער שפּיץ סאָפּקע, ווען ער האָט דערזען, אז די סטויבישטשע האָט אוועקגעוואַנדערט, האָט ער זיי אין ווילדער אופרעגונג און קאַס טאַקע שיר ניט איבערגעלאָזט און אוועקגעגאַנגען. אז אבע האָט אים געזאָגט, ער זאָל צוטראַכטן עפּעס, וויהין זיך אהינצוטון מיט מײשקען, איז ער געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהײַט: „זיי זײַנען ניט קיין געסט! — האָט ער זיך אַליין געזאָגט. — זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בייזס פאַר זשורמי, זיי זײַנען געקומען אויסהאַקן די טײַגע — זײַנען זיי ניט קיין געסט! איך דאַרף זיי איבערלאָזן און אוועקגיין!"

אָבער דער געזעץ פון דער טײַגע זאָגט:

„אויב דו פירסט דורך א מענטשן, ביסטו זײַן באַלעבאָס, און ער — דײַן גאַסט". און נאָך: „לאָז ניט איבער קיין פרעמדן איינעם אַליין אין טײַגע, ער וועט אומקומען, דו וועסט ווערן די סיבע פון זײַן טויט, און פאַרן טויט וועט מען דיר אָפּצאָלן מיט טויט!" לוקי האָט דאָס געדענקט און איז דערפאַר געבליבן.

זיי זײַנען זײַנע געסט, ער דאַרף טון אַלץ, וואָס ער ווייסט נאָר, אַפּ צו רעטן זיי...

אָבער ניט נאָר דערפֿאַר איז ער געבליבן. די כעוורע האָבן אים פּאַשעט אָנגעהויבן געפֿעלן ווערן. און ער האָט אומבאַוווּסטזיניק זיך צוגעבונדן צו זיי. צום סאָף וועג איז ער שוין מיט זיי אײַנגאַנצן היימיש געוואָרן — אופֿגעהערט זיך האַלטן באַ א זײַט, געווען וויינִיקער פֿאַרשלאָסן. מיישקעס קרענק און די זאָרג וועגן אים האָבן אים ביז גאָר באַפֿרײַנדעט מיט אַבען. אָבער דאָס אַלץ האָט זיך געטאָן אומבאַוווּסטזיניק, זיי זײַנען אים נאָך פֿאָרט פֿרעמד געווען, ער האָט זיי ניט פֿאַרשטאַנען. נאָר נעכטן אָפּדערנאַכט האָט אַבע אים דערציילט, אַז זיי זײַנען געקומען אַהער מאַכן אַלץ, אַזויווי אין טיכאָנקע, און ער איז פּאַשעט דערשטוינט געוואָרן דערפֿון. די כעוורע זײַנען אומגעהייער אויסגעוואַקסן באַ אים אין די אויגן. איצט האָט ער זיך געגרויסט דערמיט, וואָס אָט אַזעלכע מענטשן געפֿינען זיך אַפּ זײַן באַראָט. ער האָט מיט־אַמאָל מיט אַזאַ אינערלעכן שטאָלץ דערפֿילט, אַז ער האָט אויך א שײַכעס צו אָט דעם גרויסן און וווּנדערבאַרן, וואָס וועט דאָ פֿאָרקומען. א גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעזעסן באַם שײַטער, געקוקט אַזוי מיט אָפֿענע אויגן אין פֿײַער אַרײַן, געזען אויסטערלישע כאַלוימעס. ער האָט ניט געקאָנט קלאָר טראַכטן דערפֿון, וואָס דאַרף דאָ פֿאָרקומען, און עס ניט געקאָנט באַנעמען. אין זײַן פֿאָרשטעלונג האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געזען פֿון יענער זײַט סאָפּקעס, אַריבערגעטראָגן אַהער...

איצט איז ער געגאַנגען מיט בהייטע טריט איבערן פֿאַרהאַרטעווטן שניי, און דאָס אייבערשטע דינע הײַטל אײַז האָט זיך לײַכט געבראָכן אונטער אים און געטרישטשעט. ער האָט ניט געפֿילט די קעלט, וואָס האָט אים געסמאַליעט דאָס פּאָנעם, ניט געפֿילט, אַז ס'זײַנען אים מיט ווײַסן אַרומגעפֿרוירן די וויִעס. אינעם בלאַסן קאַיאָר איז אַלץ געווען גרוי, מאָכיק, באַדעקט מיט פֿראָסט־טוי — די ביימער, די קוסטעס, די גראָזן, וואָס האָבן געשטעקט פֿון

אונטערן שניי. און לוקין איז דאָ גוט געווען, אים מיט זײַן אייגע־נער געזונטער װארעמקײַט אונטער דער דאַכע, מיט דער גוט־אָנגערוקטער היטל איבער די אויערן און מיט דער אָנגעלאָדענער ביקס אין האנט. ביסלעכווײַז איז אין אים צערונען די באַנגדיקע בענקעניש און דער אומרו, וואָס האָט אים אופגעהויבן פונעם שלאָף און אוועקגעצויגן אין טײַגע אפ געיעג. דאָ, אין אָט דעם אוראלטן, וויסטן שטילשווײַגן איז ווידער און מיט א פינקלענדיקער קראפט אנטשטאנען פאר אים אלץ, וואָס ער האָט געזען אין טיכאָנקע. ס׳איז אים געפעלן געווען. ס׳האָט אים עפּעס געריגט און געצויגן. בא אים אין סטויבישטשע איז אלץ געווען פראָסט, געוויינלעך, באקאנט; דאָס אלץ אָבער איז געווען ניי, אנדערש, געהיימפול. לוקי האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געכאפּט אפן גע־דאנק, אז ער וואָלט וועלן אָט דאָ ערגעץ אין געגנט פארבלײַבן און פונדערווײַטנס אזוי, פון די ארומיקע סאָפּקעס, פון אונטער א געשטרויך, א שטיין, יעדער טאָג קומען און קוקן, וואָס דאָרט אין טאָל, ווו זשורמי איז געשטאנען, וועט זיך אָפּטון. ער האָט געוווּסט, אז ס׳איז נים אָנשטענדיק אזוי צו טראכטן פאר אים, א דערוואקסענעם יעגער, און דאָך באשטימט בא זיך:

ער וועט שפּעטער מיט א ווינטער אומיסטן קומען אהער א קוק טון, צי האָט מען דאָ געמאכט אלץ, אזויווי אין טיכאָנקע... יאָ, ער וועט קומען...

פון א נידעריקער צווײַג האָט א ווײַס וועווריקל פארקוקט זיך אפ לוקין מיט לעבעדיקע, פארוווּנדערטע אייגעלעך. נאָך ער האָט עס צו שפּעט באמערקט און צו שפּעט א כאפּ געטאָן די ביקס צום אקסל. דאָס וועוועריקל האָט זיך דערשראָקן, א טאָכ געטאָן מיטן האָריקן עקל, א שפּריץ געטאָן מיט שניי פון אונטער די לאפּקעס און איז פארשוווּנדן ערגעץ צווישן די צווײַגן. און ערשט דאָ האָט לוקי מיט פארדראָס זיך ארומגעקוקט, אז ער איז צו ווײַט פארגאנג און האָט נאָך גאָרניט נים געכאפּט. ער האָט זיך אומגעקערט, פּאָרזיכטיק, ווי א קאַץ, גענומען שטעלן די טריט

אין שניי, איינגעהערט זיך אין יעדן מינדסטן שאָרך צווישן די פאַרפרוירענע צווייַגן, און ס'זיינען אפילע קיין עטלעכע מינוט ניט דורכגעגאנגען, אז ס'האָט ווי פון אונטער זיינע פיס זיך אופ־געריסן א שווערער פאזאן. לוקי האָט זיך אָנגעצילט און אויסגע־שאָסן. דער פויגל האָט עטלעכע מאָל זיך איבערגעקוליעט אינ־דערלופטן און, ווי א שטיין, אראָפּגעפאלן אין שניי. לוקי האָט אים ארײַנגעלייגט אין רוקזאק, פארוואָרפן די ביקס אפן אקסל און גענומען גיין גיך, ניט אומקוקנדיק זיך אפילע אין די זייטן.

ערשט נאָך א גוטער שעה גאנג האָט ער פונדערווייטנס דער־זען דעם נאכטלעגער — באַם ראנד פון דער סאָפּקע האָט דער שייטער אין עלנטקייט געפּיפּקעט זיינע בלויע קנוילן רויך און געלאָזט זיי אוועקשטייגן הויך אינעם פארטאָגיקן, פראָסטיק־ראָזן הימל. לוקי האָט זיך אָפּגעשטעלט און א ווײַלע פארדייגעט געקוקט אהין מיט צוגעזשמורעטע אויגן, ווי ער זאָל וועלן פונ־דאנען, פון דער ווײַט, וויסן וואָס עס טוט זיך דאָרט. נאָר אוועקגעלאָזט האָט ער זיך ניט צום שייטער, נאָר אראָפּ, צום אויסגעהאקטן פלאץ ארום טײַכל, וווּ ס'איז פריער געשטאנען די סטויבישטשע. דאָרט האָט ער לאנג זיך אומגעדרייט, ווי ער זאָל עפּעס זוכן, אָנגעבויגן זיך אלע מאָל צום שניי און אופמערקזאַם באטראכט עפּעס; ער האָט עטלעכע מאָל געדרייט זיך ארום איינע און די זעלבע ערטער. איינמאָל איז ער אפילע אוועקגעגאנגען עט־עט ווײַט, צו דער סאָפּקע, פון וועלכער זיי האָבן נעכטן דער־זען, אז די סטויבישטשע האָט אוועקגעוואנדערט. א צווייט מאָל האָט עפּעס אים אוועקגעפירט ארופּ מיטן טײַכל, ענדלעך איז ער שטיין געבליבן אינמיטן וועג, אָנגעשפּארט אפּ דער ביקס און זיך שטארק פארטראכט. מיטאמאָל האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צום יונגן וועלדל, וואָס איז דאָ טאקע ניט ווײַט געשטאנען, ארויס־גענומען דעם יעגערישן מעסער פונעם שיידל, אראָפּגעלאָזט זיך אפּ די שפּיץ פינגער און נידעריק באַ די וואָרצלען גענומען אונ־טערשנײַדן די ביימלעך.

און בא דעם טאקע האָט אבע אים געטראָפן. דאָ און דאָרט זײַנען אין שניי געלעגן אומגעוואַלגערט פרישע, סמאָלעדיקע צע־דער־ביימלעך, און לויט זייער שלאַנקייט און אַלציינער גרעב האָט מען געקאָנט זען, אַז לוקי קלײַבט זיי ספּעציעל אונטער צוליב עפּעס.

— און איך האָב שוין געמיינט, אַז א בער האָט דיך אויפגע־געסן! — האָט ער נאָך פונווײַטן, אויסמײַדנדיק די אומגעוואָרפענע ביימלעך, א געשריי געטאָן צו לוקין. — נו, נו, כ׳קוק זיך ארום — ביטאָ מײַן לוקי! — אזוי האָט אבע גערעדט און אין הארצן גע־לאַכט פון זיך אליין, וויַאזוי ער האָט זיך עס, ווי א קליין קינד, דערשראָקן, אַז לוקי האָט אים איבערגעלאָזט און איז אוועקגע־גאַנגען. — וואָס טוסטו דאָס? — איז ער הארט צוגעגאַנגען צום אָראָטשאָן און זיך גענומען ארומקוקן.

לוקי האָט, זיצנדיק אף די שפּיץ פינגער, געענטפערט בלויז מיט א שמייכל פון צוויי רייען געזונטע ציין, א טרייסל געטאָן מיט דער גרויסער האָריקער היטל און ווײַטער שווײַגנדיק פאַר־בעזעצט זײַן ארבעט.

— אף וואָס דארפסטו די ביימלעך? — האָט אבע זיך אראָפּ־געלאָזט לעם אים.

לוקי האָט געשוויגן. שטיקלעך ראָז פאַרפרוירן האָלצ זײַנען געפלויגן פון אונטער זײַן שארפן מעסער. ער האָט זיך אָנגע־שפּארט מיט א האנט אינעם שטאם פונעם אונטערגעשניטענעם ביימל, און עס האָט א שטילן קרעכץ געטאָן און, ציטערנדיק מיט די ווייכע נאָדלדיקע צווײַגלעך, אויסגעצויגן זיך אין שניי...

— מײַנע א יורטע מאַך, — האָט לוקי געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, — יורטע אוועקשטעל. — ער האָט גײַוועדיק א זשמורע געטאָן זײַנע אזוי אויך שמאָלע, פאַרשניטענע אויגן און באהאלטן דעם מעסער אין שייד, — דײַנע גרייטע זען!

אבע האָט ברייט צעעפנט די אויגן:

— א יורטע? לוקי, ביסט דאָך א בעריע, אף מײַן ערנ־

וואָרט! ס'ט דאָך זײַנ װאָרעם, א? נו, יאָ, בעסער װי אײנ־דרויסנ... — האָט ער זיך אלײנ געענטפערט. ער האָט אופגערעגט געמאכט עטלעכע טריט הינ און צוריק און זיך װידער אָפּגע־שטעלט לעם לוקינ: — האָסט שוינ אָנגעשניטנ גענוג ביימלעך? נו, איז קום... קום, איך װעל דיר העלפנ טראָגנ... — און ס'איז שוינ אינגאנצנ פארשװונדנ די געמאכטע פרײלעכקײט פונ זײַנ פּאָנעם. — מײשקע איז דאָרט אלײנ.

זײ האָבנ ארומגעשניטנ די צװײַגנ פונ די ביימלעך, אָפּגע־רוקט דעם שײַטער עטלעכע שפּאנ אינ א זײַט און אינ דער אָנ־געבערנטער ערד אויסגעגראָבנ ניט קײנ טיפ גריבל.

— דאָ שײַטער ברענ, — האָט לוקי דערקלערט, אפ װאָס אָט דאָס גריבל איז.

ארום דעם האָבנ זײ אינ א ברײטנ קרײַז געגומענ ארײַנ־קלאפּנ די לאנגע, ארומגעשניצטע דרענגלעך אזוי, אז אויבנ זײַ־נענ זײ זיך פונקט איבער דער מיט צונויפגעגאנגענ מיט די עקנ און געבילדעט א קאָנוסארטיקנ קארקאס פונ א יורטע מיט אנ עפענונג פארנ רויך. אינ אָט דער יורטע האָבנ דרײַ מענטשנ פרײַ בעקאָנט ליגנ, זיצנ, נאָר ניט שטײנ.

איצט האָבנ זײ געדעקט די יורטע מיט פיכטע־צװײַגנ און מיט בערעזענער קאָרע. קעדײ דער װינט זאָל עס טײקעפּ ניט אראָפּטראָגנ און קעדײ עס זאָל זײַנ װארעמער, האָט לוקי אויבנ נאָך אָנגעװאָרפנ א גראָבנ שיכט שנײ. אבער האָט ער צום דעקנ די יורטע ניט צוגעלאָזט, ער האָט דאָס געהאלטנ פאר זײער א װיכטיקער ארבעט. מע האָט געדארפט אזוי קונציק אויסלײגנ די קאָרע און די צװײַגנ, אז דער אונטערשטער שיכט שנײ, װאָס װעט ביסלעכװײַז פונ דער אינעװײניקסטער װארעמקײַט צעגײנ, זאָל אראָפּרינענ אפ דר'ערד און ניט אינ יורטע ארײַנ. געזאָגט האָט ער אבענ גאָרניט, נאָר אז יענער האָט צוגעפּעסטיקט עפּעס א צװײַג, האָט ער אָנ שום װערטער גענומענ און איבערגעבונדנ זי ערגעץ אנדערש, אזוי אײנ מאָל און נאָך א מאָל, ביז אבע האָט זיך

אָנגעשטויסן און געלאָזט אים טון אליין. ער האָט אים נאָר אלץ דערלאנגט צו די הענט...

ס'איז געווען א שטארקער פראָסט. דער אָטעם האָט געזעצט פונעם מויל מיט ווייַסע קנוילן און טייקעף זיך אָפּגעזעצט מיט ווייַסן פראָסט־טוי אפן קאָלנער, אפ דער היטל, אפ די וויִעס. די זון איז אופגעגאנגען א קאלטע, א ווינטערדיקע, און דער גאנצער גרויזאמער לאנדשאפט ארום האָט זיך עפּעס ווי פון א קישעף פארענדערט. אנדערש האָבן א שייַן געטאָן די ארומיקע סאָפּקעס מיט די שניי־ווייַסע רוקנס, וואָס האָבן פריִער געקאָנט נאָר אן איִמע און פארצווייפלונג אָנווייען. אנדערע זייַנען איצט געווען די גרויסע, הונדערטיאָריקע ביימער מיט דער רויטלעכער צעטראס־קעטער קאָרע און מיט די לייַכטע בלויע שאָטנס, וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן פון זיך אין שניי; אומעטום, אין די פארפרוירענע קוסטעס, אפ די שטיינער, אפ די צווייַגן, האָבן בריליאנטן זיך געצונדן; הויך אינעם קלאָרן הימל האָט א קאָרשון גענומען דרייען, — מיט אזא ווילדער, שטומער פרייד איז אלץ פארפלייצט געוואָרן, און דאָס האָט ניט געקאָנט, כאָטש אין א קלייננער מאָס, ניט איבערגעבן זיך דעם מענטשן אויכעט, געמונטערט, געהויבן די שטימונג.

אבע האָט געארבעט און אומבאמערקט פאר זיך אליין אונ־טערגעבאָמקעט עפּעס א לידל.

מיטאמאָל האָט ער זיך א ווענד געטאָן צו לוקין:

— הער אויס, ביסט נאָך אלץ בא דער מיינונג, אז מיר זייַנען שולדיק אין דעם, וואָס זשורמי האָט אוועקגעוואנדערט? און עפשער זייַנען זיי סטאם אזוי אוועקגעגאנגען טיפער אין דער טייַגע אפ געיעג... איר וואנדערט דאָך...

דער יונגער אָראָטשאָן האָט גענומען די צווייַג, וואָס אבע האָט אים דערלאנגט, און פארטראכט א קוק געטאָן אים אין די אויגן אריין. דערנאָך האָט ער גענומען קוקן אפן אייַנגעטאָפּ־טשעטן שניי אונטער די פיס און געזאָגט מיט א געפאלענער שטים:

— אָט דאָס מײַנע ניט פארשטיי... אָראָטשאָנער אוועקגיי — יורטעס קיינמאָל ניט צעוואָרפן... יורטעס גאנץ לאָז... מײַנע פריִער אביסל־אביסל באקוק אָרט, ווי סטויבישטשע געווען, און ניט פאר־שטיי : יורטעס צעווארפ... קאָרע פארברען... שטעקנס פארברען... גאָרנישט ניט לאָז... מײַנע נעכטן נאָך טראכט, נאָר א קוק טון פריִער וויל, איצט מײַנע גאָרניט ניט פארשטיי...

ער האָט א קוק געטאָן אפּ אבען און באגעגנט זיך מיט צוויי ברענענדיקע שווארצע אויגן, וואָס האָבן שארפ געקוקט אפּ אים. גרינע פלעקן זײַנען עפּעס מיטאמאָל ארויסגעטראָטן אפּ אבעס פּאָנעם, די לינקע ברעם האָט נערוועז זיך אופגעהויבן און אראָפּ־געלאָזט, ער האָט אופגעהערט בײַסן די אונטערשטע ליפּ און גע־זאָגט :

— נו, נו, רעד... וואָס נאָך האָסטו געזען ?

— מײַנע געזען... מײַנע געזען, אז זשורמי האָט פינפ יור־טעס... דרײַ און צוואנציק הינט... פינפ שליטלעך... זשורמי אוועקגעפאָרן מיטן טײַכל ארופ... גיך אוועקגעפאָרן — שטארק די הינט טרײַב...

און אבען האָט זיך עפּעס אפּ איין אויגנבליק פאָרגעשטעלט דאָס גאנצע בילד, ווי דאָס הײַפעלע אָראָטשאָנער יאָגט אוועק אפּ לײַכטע, סקריפּענדיקע שליטלעך מיטן פארפרוירענעם טײַכל... גידעריק לאָזט זיך איבער זיי אראָפּ דער כמורנער, פארגאכטיקער הימל, אײַנגעוויקלטע, ווי קלומקעס, זיצן די פרויען און די קינ־דער, סע סווישטשען די בײַטשן, סע צינדן זיך ווילד די שמאָלע אויגן בא די אָנטרײַבערס, די אײַנגעשפּאנטע הינט לויפן מיט ארויסגעשטעקטע צינגער, בײַסן איינע דאָס צווייטע, מע זאָל נאָך גיכער לויפן, בייגן צו די אויערן, ציִען אויס די לאפּעס, פונקט זיי זאָלן וועלן ארויסשפּרינגען פון דער אייגענער פעל...

— נו, נו, ווײַטער... וויניקער מיט אָט די אלע פינקטלעכ־קײַטן... — האָט אבע אים איבערגעריסן.

— ניין, דײַנע הער אויס אלץ, — האָט לוקי כמורנע געזאָגט. —

אין סטויבּישטשע פאר אונדז א פרעמדער מענטש געווען... ניט קיין אָראָטשאָן... זײַנע אין שטיוול גיי... אָראָטשאָנעס קיינמאָל ניט שטיוול גיי... זײַנע ציגארן רויכער, אָט אזויווי דו... אָט! — ער האָט ארויסגענומען פון הינטערן גארטל א שטיקל ניט־דערוי־כערטן ציגאר און געוויזן אבּען — זײַנע פון יורטע צו יורטע אומגיי... נאָר זײַנע דאָ לאנג ניט זײַ... ושורמי אוועקפאָר — זײַנע אהין אוועקגיי... — ער האָט געוויזן אין דער זײַט, ווו טיגראָווע איז. — נאָך זײַנע שפורן נאָכגיי — אין טיגראָווע קום... מער מײַנע גאָרניט ניט וויס...

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט און צוגעגעבּן:

— ושורמי ערשט צוויי זונען אוועקגיי...

— ערשט צוויי טעג? — האָט אבּע זיך א כאפּ געטאָן, — איי־נעכטן, הייסט עס? מיר זײַנען שוין דאן געווען אין טיגראָווע. — ער איז מיטאמאָל שטיל געבּליבּן, געוואָרן שטארק בּלאס, און נאָר דאָס ציטערן פון דער לינקער בּרעם און א שטיל קריצן מיט די ציין האָט איבּערגעגעבּן, וואָס אין אים קומט פאָר. מיטאמאָל האָט ער ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסלען און זיך ארומ־געקוקט, ווי ער זאָל זוכן עמעצן. — צו אלדי רוכעס! — האָט ער געזאָגט, — אָט וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן... שוין... דאָס ערשטע אונטערפּיסל... נו־נו... און דו פארשטייסט נאָך אלץ ניט, לוקי? — האָט ער זיך א ווענד געטאָן צום יונגן אָראָטשאָן, וואָס איז גע־שטאנען א פארגליווערטער מיט דער צווײַג אין האנט און פון אים קיין אויג ניט אראָפּגענומען. — נו, זאָגסט דאָך אליין: א פרעמדער, פון טיגראָווע... יענער פרעמדער האָט אונדז פײַנט... ער איז א סויגע אונדזערער — ער וואָלט אונדז די גאָרגלען איי־בּערגעבּיסן... ער איז געקומען פאר אונדז און אָנגעשראָקן די יענער פון ושורמי, אז ס׳גייען אהער ווייער שלעכטע מענטשן, וואָס וועלן דאָ אלץ צעבּרעכן און פארבּרענען... ער האָט אונדז דרײַען געוואָלט אומבּרענגען, מיר זאָלן ניט האָבּן ווו צו זײַן און דערפרוירן ווערן!

א ווײַלע האָבן בײדע זיך געקוקט אין די אויגן. מע האָט געאָטעמט שווער, טיף. — פאַרשטייסט? — האָט אַבע איבערגע־פרעגט מיט אַ ציטער אין קאָל.

— מײַנע פאַרשטײ, — האָט לוקי כמורנע געזאָגט און מיט אַ ווילדן ברען אין די אויגן: — דײַנע ווייס יענעם פרעמדן? דײַנע מיר אים אָנווײַזן אין טיגראָווע?..

— צי איך וועל אים דיר אָנווײַזן? איך קען דאָך אים ניט, כאַ, — האָט ער אַ קורצן לאַך געטאָן. — ווען איך קען אים! כ'וואָלט דאָך אים... — ער האָט אויפגעהויבן בײדע פויסטן און מיט אַ באַוועגונג געוויזן, ווי ער וואָלט אים צעריבן. — נאָר מירן אים נאָך דערקענען, לוקי! אָ, ס'ט זען, ער וועט ניט שווײַגן, ער וועט זיך דאָ נאָך פּלאָנטערן, ער וועט נאָך באַווײַזן שטיק!

— מײַנע ניט פאַרשטײ, — האָט לוקי זיך פאַרוווּנדערט, — דײַנע ניט ווייס יענעם פרעמדן? ניין? איז פאַרוואָס־זשע זײַנע דײַנע פײַנט?

אַבע האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף לוקין. לוקי האָט פאַר־לוירן אַ שמייכל געטאָן, נאָר אין אָט דער פאַרלוירנקײַט האָט זיך געפילט, אַז ער וואַרט מיט כשאַד אויף זײַן ענטפער.

— פאַרשטייסט, לוקי, — האָט אַבע אָנגעהויבן, — מע קאָן שטאַרק פײַנט האָבן אַ מענטשן און אים אפילו ניט קענען... אָט אַזויווי יענער פרעמדער האָט אונדז פײַנט, אָט אַזויווי מיר האָבן פײַנט אים... אַזעלכע, ווי ער, זײַנען דאָ אַסאַך, לוקי, נאָר אַזעלכע, ווי מיר, זײַנען דאָ אַסאַך־אַסאַך מערער... פאַרוואָס האָבן מיר זיי פײַנט? אָט די מענטשן פלעגן אַלײן גאָרניט ניט טון, אַסאַך עסן, אַסאַך שלאָפן, לעבן מעשוגענערווײַז גוט, און אַרבעטן פלעגן מיר, אָט די, וואָס זײַנען דאָ אַסאַך מערער... מיר פלעגן עס מאַכן די הײַזער, וואָס דו האָסט געזען אין טיכאָנקע. סע זײַנען נאָך פאַ־ראַן הונדערט מאָל גרעסערע און שענערע הײַזער. מיר האָבן גע־מאַכט אַלץ־אַלץ און שטענדיק געווען הונגעריק, געלעבט אין קע־לערס, אָ, — ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויף דער ערד, —

אונטנ... געוואָרנ שלאפ, געשטאָרבנ... דו געדענקסט עפשער ניט, נאָר אזוינע מענטשנ פלעגנ אויכ קומענ צו אייַכ אינ סטויבישטשע אונ פאר צאצקעלעכ, פוסטע שטיקלעכ גלאָז אויסנארנ די טייַערסטע פעל... אָט וועסטו א פרעג טונ באַ די עלטערע יעגער, וועסטו הערנ... לאנג־לאנג איז אזוי' געווענ, ביז מיר אלע, אָט די, וואָס זייַנענ אסאכ, האָבנ זיכ צונויפגענומענ אונ פארטריבנ פונ זיכ די, וואָס האָבנ קיינמאָל גאָרניט ניט געטאָנ... מיר האָבנ באַ זיי צוגענומענ אלצ, נו, דאָס, וואָס מיר אליינ האָבנ געמאכט... פארשטייסט, סע זייַנענ אומגעקומענ אסאכ אונדזערע אונ זייערע, ווייַל זיי האָבנ ניט געוואָלט אָפּגעבנ מיט גוטנ דאָס, וואָס זיי האָבנ צוגענומענ... אסאכ זייערע זייַנענ דערנאָכ אנטלאָפנ, אויסבאַהאלטנ זיכ צווישנ אונדז אונ טוענ אָנ שאָדנ, אזוי' אז עס קומט אונדז איצט נאָכ אויס זיי אויסצוכאפנ איינציקווייַז... אנדערע זייַנענ אנטלאָפנ אהער, אינ טייַגע, אונ פארטייַעט זיכ... נאָר דו זעסט דאָכ, מיר קומענ שוינ אָנ אהער אויכ — איז עס זיי נימ געפעלנ... אָט אזא איז יענער פרעמדער...

— כאָ! — האָט לוקי בלויז ארויסגעלאָזט א פארווונדערטנ, גאָרגלדיקנ קלאנג, שווייַגנדיק געקוקט נאָכ א ביסל אפ אבענ, דערנאָכ, ווי דערמאָנט זיכ, א דריי געטאָנ די צווייַג אינ דער האנט אונ זי גענומענ צופעסטיקנ צו דער יורטע. ביידע האָבנ זיכ ווידער פארטיפט אינ דער ארבעט. מיטאמאָל האָט אבע זיכ אויסגעגלייַכט אונ אָנגעשטרענגט גענומענ קוקנ אפ לוקינ. יענער האָט זיכ באגעגנט מיט זייַנ בליק אונ אויכ אופגעהערט ארבעטנ. אבע האָט אים ארופגעלייגט די האנט אפנ אקסל. — לוקי, — האָט ער הייזעריקלעכ אונ ווארעמ א זאָג געטאָנ, — ווייסט... בלייַב מיט אונדז... דאָ, אפ דער בויונג... וועסט אונדז זייער צונוצקומענ... כ'וועל ברענגענ אהער אסאכ מענטשנ, מיט זעג אונ מיט העק... דאָ וועט זייַנ פריילעכ אונ שיינ... וועסט זיכ באַ אונדז אויסלערנענ אנ ארבעט, זיכ אויסלערנענ לייענענ, שרייַבנ...

דער יונגער אָראָטשאָן האָט זיך אָנגעשפּיצט, נאָר באַלד איז דאָס פּאָנעם זײַנס געוואָרן ניט־דורכדרינגלעך, כווישעכדיק.
— בלײַב מיט אונדז, — האָט אַבע איבערגעכאַזערט.
לוקי האָט שווער א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:
— מײַנע ניט קאָן...
דערנאָך נאָך מער פאַראַקשנט:
— מײַנע אַבּיסל־אַבּיסל מענטשן נאָענט יאָ וויל... מענטשן גיי... מענטשן קום... נאָר מײַנע געיעג ליב... טײַגע ליב... אַנ־דערש ניט קאָן... יאָ...
אַבע האָט אים גאָרניט ניט געענטפערט, ער האָט נאָר צונויפ־געצויגן די ברעמען אפן שטערן, צוגעזשמורעט א ביסעלע די אויגן און א קוק געטאָן אפן לוקין, ווי ער זאָל עפּעס אָפּווענגן אין אים.
אין שײַטער האָט דאָס פײַער געגומען קלענער ווערן, איז אַבע צוגעגאַנגען און אונטערגעוואָרפן אהין עטלעכע טרוקענע צווײַגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אז מע דאַרף צוגרייטן עפּעס עסן, און ניט אומגעקערט זיך מער צו דער יורטע. ער האָט אַרומגעפּליקט דעם פאַזאַן, צעשניטן אים אפן עטלעכע שטיקלעך, אַרײַנגעלייגט ווי אינעם קליינעם בלעכענעם עמערל און אָנגעוואָרפן אהין שניי. דערנאָך האָט ער פאַרפעסטיקט א דרענגל איבערן פײַער, אַזויווי לוקי האָט געטאָן נעכטן אפדערנאַכט, ווען מע האָט געקאָכט טיי און אופגעהאַנגען אפן דעם דאָס עמערל. פּלוצעם האָט ער זיך שטאַרק געגומען אײַנקוקן אין מיישקען: אפן יענעמס שטערן און אפן קלײַנדיקן קורצן נעזל איז אַרויסגעטראָטן א לײַכטער שווייס...
ער איז אופגעשפּרונגען און אין א פריידיקער דערשיטערונג א ווײַלע ניט געוווּסט, וואָס נעמען טון. די אויגן האָט אים פאַרבלענדט א גרויסע זון איבער די זילבערדיק־פאַרשנייטע בערג. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, דערנאָך ברייט צעעפנט זיי און איז צוגעפאַלן צו מיישקען אפן אַלע פיר — דער יאט האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט. איז אָפּגעגאַנגען מיט שווייס...

— לוקי, לוקי! — האָט אבע א רוף געטאָן. — לוקי!
דער יונגער אָראָטשאָן האָט אופגעהערט ארבעטן און שטום, בלויז מיט א הייב פון דעם קאָפ געפרעגט:
— וואָס?
— קום אהער!
לוקי איז צוגעגאנגען, שטיין געבליבן אין זײַנע ווייכע אונ־טעס פון הירשן־פעל מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך שטום אנטשולדיקן פאר עפּעס. אבע האָט אים א שלעפּ גע־טאָן פאר דער האנט — האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט לעבן אים אפּ די שפּיץ פינגער און אלץ נאָך ניט פארשטאנען, צוליב וואָס ער האָט אים גערופן.
— זעסט דען ניט! — האָט אבע אים א טרייסל געטאָן פארן אקסל און באגײַסטערט א קוק געטאָן אין די אויגן ארײַן. — מענטש, איינער! ער ווערט דאָך געזונט! ער שוויצט, מיישקע!
לוקי האָט זיך שטארק גענומען אײַנקוקן אין מיישקען און אומבאשטימט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מיטאמאָל האָט אבע זיך אופגעהויבן, געכאפּט א גאנץ בינטל טרוקענע צווײַגן און ארײַנגעוואָרפן אין פײַער. דאָס פײַער האָט קנאקנדיק, מיט פונ־קען און רויך, זיך אופגעהויבן, זיך א דריי געטאָן אפן ווינט און צעפלאמט די פענעמער בא אלע דרײַ. אבע האָט אראָפּגע־נומען פון זיך די לעדערנע קורטקע, אויסגעטאָן דאָס בלאָווע פידזשאקל, וואָס אונטער דער קורטקע, און ארופגעוואָרפן עס אפן מיישקען. ער האָט ווידער אָנגעטאָן די קורטקע און שטײַפער פארצויגן דעם פאס. דעמלט איז לוקי אופגעשטאנען, אויסגעטאָן פון זיך די קורצע, האָריקע דאָכע און אויך ארופגעוואָרפן זי אפן מיישקען. אליין איז ער געבליבן אין זײַן ענגן, פוטערנעם לײַבל, באזוימט בא די ארבל, באם קאָלנער און ארום די קנעפּ מיט א בלויליכן טונגוסישן געמעל. ער איז עפּעס געוואָרן קלענער אין אָט דעם לײַבל און באוועגלעכער. ער האָט שולדיק־שעמעוודיק א שמייכל געטאָן מיטן דויטן ברייטן פּאָנעם און איז אוועקגעגאן צו

דער יורטע. אבע האָט אים באגלייט מיט א שטראלנדיקן בליק. ער האָט מיטאמאָל דערפילט, אז עפּעס האָט אים שוין צונויפ־געבונדן מיט אָט דעם האלב־ווילדן יעגער אזוינס, אז ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, און וואָס ער זאָל ניט טון, וועט ער שטענדיק געדענקען אָט די כאוורשאפט בא זײַנע ערשטע טריט אין טײַגע, און די דערמאָנונג וועגן דעם וועט אים שטענדיק טײַער זײַן...

מיישקע האָט געעפנט די אויגן. ס'איז אין זיי פארשטיינערט געווען אן אויסדרוק פון טיפן גלײַכגילט, אומעט און מאכטלאָזי־קײַט. ער האָט לאנג געקוקט אזוי אָן איין ריר מיט די ווײַסע אי־געם זוניק־אויסגעשטראלטן הימל. דערנאָך האָט ער קוים א דריי געטאָן די אפּלען און פארקוקט זיך אפ די ווײַטע, פארשנייטע בערג, אפ א נאָרלדיקער שווערער צווײַג פון א נאָענטן בוים, אויסגעקערעוועט א ביסעלע דעם קאָפּ און דערזען דאָס פײַער פונעם שײַטער. באם פײַער איז געזעסן אבע. פאר די עטלעכע טעג איז אים דאָס פּאָנעם פארוואקסן געוואָרן מיט שווארצע, קורצע האָר. אין אָט דער שווארצקײַט האָבן א לויכט געטאָן צוויי רייען ווײַסע ציין:

— נו, העלד מײַנער... ווי פילסטו זיך?

מיישקע האָט נאָך געקוקט א רעגע מיט דעם זעלבן אומעט אין די אויגן, דערנאָך געפּרוווט א שמייכל טון, נאָר דאָס האָט זיך באקומען בלויז שוואך און פײַנלעך. ער האָט צוגעמאכט די אויגן, און ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט, איז אבע שוין גע־זעסן לעבן אים. עמעצ איז נאָך געשטאנען הינטער אבען מיט אזא מעשונע־רויטן ברייטן פּאָנעם און געשמייכלט, ווי א מאָנגאָלי־שער גאָט. „ווער איז דאָס?" — האָט בא מיישקען ושומענדיק זיך דורכגעטראָגן אין מויעך. „א־א, לוקי..." — און ער האָט ווידער אזא פײַנלעכן קרים זיך געטאָן אפ שמייכלען...

ס'איז אים ניט גוט געווען אין מויל. אפן צונג איז עפּעס ווי נאָך א הויט אָנגעוואקסן. אין די שלייפן האָט אלעמאָל א זשום זיך דורכגעטראָגן, און דאן האָט ער זיך געפילט זייער

שוואַך, עפּעס ווי ס'וואָלט זיך אים אָפּגענומען די הענט און די פֿיס. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן אויסשווענקען דאָס מויל, און פֿון אָט די עטלעכע שווענק איז ער מיד געוואָרן. ער איז דערנאָך געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און שווער געאָטעמט. אין קאָפּ האָט זיך בא אים די גאַנצע צײַט געפּלאָנטערט עפּעס אַ נייטיקס, וואָס ער דאַרף זאָגן אבען, אָבער ער האָט ניט גע־וווּסט וואָס. נאָר דורך די צוגעמאַכטע דינע אויגן־לעפֿלעך האָט די באַטאָגיקע שײַן זיך דורכגעשלאָגן מיט מוטנע אָראַנזשעווע קרײַזן, און עפּעס האָט זי געוועקט אין אים און מילד געוואַרעמט...

אבע און לוקי זײַנען שווײַגנדיק געזעסן פֿון ביידע זײַטן. ער האָט זיך געפּרוּווט אַ הייב טון אַפֿ אַן עלנבויגן, האָבן ביידע זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן און ניט געלאָזט.

— ווילסט עפּעס? — האָט אבע זיך צו אים אָנגעבויגן...

— גאָרניט... עסן עפּשער...

— אָ, ווערסטו דאָך גאָר אַ מענטש!

מע האָט אים געגעבן עטלעכע לעפֿל יויך פֿונעם אָפּגעקאָכטן פּאַזאַן, געגעבן אַרומסמאָקען אַ פֿליגעלע און אליין אויך געגר־מען צו שטיקלעך פֿלייש מיט ברויט. מע איז געווען הונגעריק, ווי די וועלף. גיך זײַנען פֿונעם פּאַזאַן געבליבן נאָר אַרומגעהריי־זעטעביינדלעך. און מע איז נאָך אַלץ געזעסן אַזוי אַרום שײַטער, אין דער פּראָסטיקער לופֿט האָט דאָס פֿײַער טרוקן געטרישטשעט און געדרייט מיט קורצע, ווײַסע צינגער, און עפּעס אַזאַ מאָדנע יאָנטעוודיקײַט און גליק האָבן אָט די מענטשן דערפֿילט. אבע האָט מיט אַ גרינג אָפּגעאָנגענעם האַרץ, אין אַ שטיפֿערישן טאָן דערציילט מיישקען, וויאַזוי ער, מיישקע, האָט נאָר געוואָלט, מע זאָל אים פֿאַרשיטן מיט שניי, ווי זיי האָבן אים געטראָגן אַפֿן באַרג, ווי מע האָט פּלוצעם דערזען, אַז די סטויבישטשע האָט אָוועקגעוואַנדערט, דערציילט פֿון דער „טײַגישער באָד", וואָס לוקי האָט געמאַכט, און מיישקע האָט געהערט אַלץ מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן און אינערלעך אי געגרויסט זיך דערמיט, וואָס

עס איז מיט אים פאַרגעקומען, אי געשעמט זיך פאר דעם. ער האָט געזאָגט:

— איי, האָב איך דיר פארגעבן אן ארבעט, אבע...

— מע קאָן מיינען.

— ניין, איך קאָן זיך עס בעשומויפן ניט מויכל זיין.

אבע האָט אפ אים אופמערקזאם א קוק געטאָן און געזען, אז ער איז עפעס אפילע פאר אָט די צוויי טעג געוואָרן עלטער, ערנסטער, געשטעלטער. ער האָט א שמייכל געטאָן. אים האָט עפעס דערמאָנט זיך, ווי מיישקע פלעג א גליקלעכער קומען צו לויפן מיט א פולער פאזוכע אָנגעגאנוועטע גרינע ליגעטש־קעס אין סטעלמאשנע אריין, און אין א פינצטערן ווינקל, צווישן אָגלאָבליעס און דראבינעס, אין ווייכע סטרוזשקעס זיי איינוויקלען און לאָזן פארטיק ווערן...

מיישקע האָט געפרעגט:

— האָסט שוין דאָ ארומגעקוקט א ביסל דאָס אָרט?

— אזוי זיך, פּאַרלויפיק...

— נו, וויאזוי איז דאָ?

— אלץ, ווי מע דארף...— ער טוט א קרומלעכן שמייכל אין א זייט מויל. — א שעפע... אויצרעס, זאָג איך דיר...

בא מיישקען האָבן אזש די אויגן זיך צעבערענט. די באקן האָבן זיך פארויטלט. ער האָט ארויסגעשלעפט די האנט און שוואך זיך בעפרווט אָנשפארן אפ איר, אופהייבן עטוואָס דעם קאָפ.

— אבע...— האָט ער זיך א בעט געטאָן,—הייב מיך אונטער א ביסעלע, אבע... נאָר א ביסעלע... כ'וועל א קוק טון. פונדאנען, פונעם בארג... איין מאָל נאָר...

— ליג, נארעלע,—האָט אבע זיך א כאפ געטאָן,—וואָס ווערסטו דאָ זען?

— נישקאָשע... איך וויל...— און ציטעריק געגומען שארן מיט די פינגער אין די צוויינג פונעם געלעגער,— זעצט מיך אופ!

מע האָט אים געמוזט אופזעצן. אבע און לוקי האָבן אים ארומגעדעקט די פלייצע און אונטערגעהאלטן מיט די הענט. ער האָט זשעדנע צעעפנט די אויגן און ניט געוווּסט, אפ וואָס פריער צו קוקן. דער טאָל איז געלעגן אונטן באדעקט מיט טײַגע און שניי; אפ ריזיקע קרוינען פון ביימער איז געהאנגען א שטילע געשלאָסענע קייט סאָפּקעס, און ערגעץ האָבן זיי נאָך אוועקגע־שפרייזט אין דער ווײַט, און אין דער לויטערקײַט פונעם טאָג צונויפגעגאָסן זיך דאָרטן אין איין כוואליעדיקן קרישטאָלענעם יאַם.

— אוך... — האָט מיישקע א שעפטשע געטאָן און מיד אראָפּ־געלאָזט זיך אפ די צווײַגן. ער איז געלעגן מיט צוגעמאכטע אויגן, און אפ זײַן פּאָנעם — אין די קליינע זון־שפרענקעלעך ארום פּאַ־ריסענעם נעזל, און אין די ווייכע ליפּן־ווינקלען — האָט א ווײַלע באוויזן זיך יענץ פארשײַטע און ארויסרופעריש־גליקלעכע שמייכעלע, וואָס האָט פון שטענדיק באצײַנט זײַן פּאָנעם. אבע האָט דערפּילט עפּעס א צופלוס פון צארטער ברודער־ליבע, ער האָט א קוק גע־טאָן מיט א פארשווומענעם בליק אפ לוקין און ניט אויסגעהאלטן, צוגעבויגן זיך מיט די ליפּן צו מיישקעס שטערן און אים א קוש געטאָן. מיישקע האָט אפ אים א קוק געגעבן מיט שטראלנדיקע גרינע אויגן, קורץ עפּעס אין זיך א לאַך געטאָן און געפרעגט ווי פארשעמט, ווי אומיסטן, קעדיי פארריידן זיך:

— וואָס פאר א פליי‌ש האָבן מיר דאָ געגעסן?

— פון א פאזאן.

— פאזאן... — האָט מיישקע פאר זיך איבערגעכאזערט, — ס׳א כײַע אזא?

— ניין, א פויגל.

— דאָס האָט שוין מיסטאמע לוקי אונטערגעשאָסן. ס׳איז דײַן ארבעט, לוקי? געשמאק!

לוקי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, נאָר אין זײַנע שמאָל־פארשניטענע אויגן האָט זיך באוויזן א שײַנענדיק פײַערל. ער

האָט זיך אונטערגעהויבן אַפֿ אַ קני און אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט פֿון יענער זײַט שײַטער: — אָ, מיישקע, מײַנע יורטע מאַכ... אײַ, גוטע יורטע!

מיישקע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ — אין עטלעכע שפּאַן ווײַטער פֿונעם פֿײַער דערזען אַ קאָנוסאַרטיק בײַדל, ערטערווײַז שוין באַדעקט מיט צווײַגן און שניי.

— אוי, אַבע! — האָט ער אַנטציקט אַ געשריי געטאָן, — מיר וועלן דאָ וווינען?!

אַבע האָט זיך פֿאַרטראַכט, אָנגעכמורעט די ברעמען. — ניין, — האָט ער מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן, — ניין... — און קוקנדיק שוין עפּעס אַפֿ לוקיס פֿאַרנעצטע אונטעס, ווי ס'הייבט זיך פֿון זיי אַ דאַמפּ קעגן פֿײַער: — ס'וועט אויסקומען, לוקי, דײַנע יורטע צו־וואַרטן אַפֿ אונדז עטלעכע טעג... יאָ... מע דאַרף דעם יאַט אָפּ־טראָגן אין דאָרף אַרײַן... דאָס איז פֿאַר אים קיין געלעגער ניט... נו, נו, וואָס קוקסטו אַפֿ מיר אַזוי? — האָט ער שטרענג אַ שמייכל געטאָן צו מיישקען. — מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען ניט, העלד מײַנער... דאַרפֿסט זיך גוט אויסהיילן...

מיישקע האָט געשוויגן און אַקשאָנעסדיק געקוקט אַפֿ עפּעס אַן איבערגעבראָכענער צווײַג אין שײַטער, וואָס האָט נאָך גאָל־דיק געגליט און געקרישעט זיך אַפֿ קוילן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט שטיל מיט אַ פֿלוצעמדיקער הייזעריקײַט אין קאָל:

— טראָגן וועט איר מיך! אַפֿ די הענט! ווי געפֿעלט דיר?.. און דו, לוקי, ווילסט מיך אויך טראָגן?

לוקי האָט שווײַגנדיק אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אין אַ זײַט. בײַ מיישקען האָבן מיטאַמאָל טרערן זיך אָוועקגעשטעלט אין די ווינקלען פֿון די אויגן, און די ליפּן האָבן זיך בײַ אים אַ קרים געטאָן אַפֿ ווײנען. ער איז נאָך געווען זייער שוואַך און קרענק־לעך אויפֿגערייצט...

— אַבע... — האָט ער געזאָגט, שלינגענדיק די טרערן. — נו,

וואָס הייסט, דו וועסט זיך מיט מיר נעמען אומטראָגן... ביסט דאָך געקומען עפּעס טון. טו זיך, וואָס דו דאַרפסט, און קוק ניט אָפּ מיר... כ'וועל געזונט ווערן...

אָבער האָט שווער אָנגעאָטעמט געטאָן:

— ביסט דאָך ניט קיין קינד, מײַשקע... ווייסט דאָך...

— גוּ, איז סײַדן דו וועסט מיך בינדן! סײַדן מיט גוואַלד! איך וועל זיך ניט לאָזן טראָגן! — ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף א זײַט און אריבערגעצויגן איבערן קאָפּ דאָס פעלצל.

לוקי האָט פּאַוואָלינקע זיך אופגעהויבן און שטיל, פּונקט ער זאָל דאָ מוירע האָבן עמעצן אופוועקן, אַוועקגעלאָזט זיך צו דער יורטע. ער איז ארומגעגאַנגען ארום איר עטלעכע מאָל, באַטראַכט זי פון אַלע זײַטן און ווידער זי גענומען דעקן מיט בערעזענער קאָרע און מיט צווײַגן. אָבער איז אופגעשטאַנען און אויך צוגעגאַנגען צו דער יורטע. לוקי האָט אויף אים אפילו קיין קוק ניט געטאָן, אָנגעבויגן זיך צו דער קופּע פּיכטע־צווײַגן. — לוקי! — האָט אָבער אים געפרעגט א רוף טון, נאָך דער אָראָטשאָן האָט זיך געגעבן א גלײַך אויס, א ווײַז געטאָן זײַן אָפּגעבריט־רויטן צעקאָסטן פּאָנעם, א שניט געטאָן אים מיט צוויי שמאָלע, פּײַנטלעך־פאַרזשמורעטע אויגן און איז מיט גיכע טריט אַוועקגעגאַנגען פון יענער זײַט יורטע און לאַנג און פאַראַקשנט געפּאָרעט זיך דאָרט. אָבער איז אים ניט נאָכגעגאַנגען. א האַרטער שמייכל האָט א ריר געטאָן זײַנע ליפּן. ער האָט אופגעהויבן א שטיק קאָרע און זי אויך גענומען צופּאַסן צו דער יורטע. ער האָט שוין סײַווי באַשטימט: „מ'עט שוין הײַנט נעכטיקן דאָ, מע דאַרף דעם יאַט ניט אופרעגן, און דערצו איז שוין טאַקע ניט פרי אויך. איידער וואָס־ווען, וועט צופאַלן די נאַכט, מ'עט איבערשלאָפן אין יורטע. זעט אויס, אז ס'דאַרף דאָ זײַן ניט שלעכט, און אינדערפרי וועט מען זען... נאָר ער איז אן אַקשן, מײַשקע... און ס'איז עפּשער קיין כיסאָרן ניט... און לוקי — באַרויגעז גאָר... א ציקאַווער באָכער... אָט וויל ער דאָ

ניט בלײַבן, און אָט װײל ער שױן פונדאנען ניט אװעקגײן..."
דער שמײכל האָט אלץ מער באלױכטן אבעס פּאָנעם, געשפּילט אין די אױגן מיט װארעמע פײַערלעך. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, װי אזױ לוקי האָט אפּ דער סטאנציע בירעבידזשאן בעשומויפן ניט געװאָלט קריכן אין װאגאָן ארײַן, געבריגעזט זיך, געמאכט מיט די הענט און אלץ געװיזן אפּ די װײַטע סאָפּקעס, אז ער װײסט א װעג, ער װעט אזױ דורכפירן...
מיט גרױס מאטערניש און מי האָט זיך אײַנגעגעבן אים אײַנריידן פּאָרן מיטן צוג. איז ער אָבער שטײן געבליבן אפּ דער פּאָדערשטער פּלאָטשאדקע, אָנגעכאפּט זיך מיט דער האנט פארן אײַזערנעם הענטל פון דער טיר און בעשומויפן ניט געװאָלט ארײַנגײן אין װאגאָן. דער צוג האָט א װױע געטאָן און געריכט, און לוקי האָט אױך עפּעס אזױ דערשראָקן און פארװוּנדערט א געשריי געטאָן, אָנגעהױבן ציטערן מיטן גאנצן קערפּער. ער האָט זיך פארוקט אינעם װײַטן עק פון דער פּלאָטשאדקע און מיט צאָרן און שרעק געקוקט אין פענצטער אפּ די שװינדלענדיקע לאנדשאפטן...
אָבער אסאך שפּעטער, װען מע איז שױן פארבײַ אסאך סטאנציעס, װען לוקי האָט שױן געפּרוּװט אראָפּגײן אפּ דער ערד און צוריק זיך זעצן, איז פון זײַן ערשטער שרעק אפילע קײן סימען ניט געבליבן. ער איז געשטאנען (נאָך אלץ טאקע אפּ דער פּאָדערשטער פּלאָטשאדקע) צוגעשפּארט מיט אן אקסל צו דער װאנט, װירדיק געריכערט זײַן הילצערנע ליולקע, געקוקט אין פענצטער ארײַן און געהאט אן אױסדרוק פון א מענטשן, װאָס האָט שױן אלץ געזען אפּ זײַן לעבן און גאָרניט קאָן אים ניט פארװוּנדערן...

די יורטע איז געשטאנען טיפּ פארוקט אינעם אױסהויל פון דער סאָפּקע, און פארן ארײַנגאנג אין איר האָט געברענט ניט קײן גרױסער שײַטער. פונדיבן איז געגאן א רויך, װײַל אין

דער יורטע האָט געברענט נאָך א שײַטער. די נאכט איז צוגע־פאלן, און מיטן רויך האָבן פון דאָרט אלץ אָפטער זיך גענומען ארויסרײַסן פונקען, אײנציקווײַז און צו עטלעכע מיטאמאָל; א דריי זיך געטאָן אין דער גרויער פראָסטיקער טונקלקײַט און, ניט דערפליִענדיק צום בלויִלעכן שניי, זיך אויסגעלאָשן...

ס'האָט זיך אופגעהויבן א ווינט. ער האָט אלץ העכער גע־הויבן די פונקען, אלץ ווײַטער זיי אָפגעטראָגן. ער האָט געראַשט צווישן די ביימער אין טאָל, און עפּעס האָט דאָרט געבראָכן זיך און איז געפאלן. דער ווינט איז אלע מאָל אלץ בייזער אָנגעלאָפן אף דער יורטע, און פון אינעווייניק האָט מען געהערט זײַנע טויבע קלעפּ. ס'איז דאָרט געווען ווארעם; דאָס פײַער האָט שטיל בעקנאקט אין סאמע מיטן, רויִק געפלאָכטן די רויטע און געלע צינגער ארום די שײַטלעך האָלצ. די גאנצע יורטע איז געווען באלויכטן מיט אזא רויטלעכער שײַן, און די שאָטנס פון די דרענגלעך, פון וועלכע זי איז געמאכט געווען, און פון די צווײַ־געלעך, וואָס האָבן זיך אראָפּגעהאנגען, זײַנען געווען געדיכטע, טונקעלע. די לופט האָט געשמעקט מיט סמאָלע און רויך.

אין דער יורטע זײַנען געווען צווייען — לוקי און מיישקע. לוקי איז געזעסן, די פיס ארונטערגענומען אונטער זיך, די ביקס אוועקגעלייגט אף די קני, און ניט גערירט זיך אזוי שוין זײַט עטלעכע שאָ נאָכאנאנד. מע האָט געקאָנט מיינען, אז ער שלאָפט זיצנדיק. און מיישקע, פארקערט, איז ניט אײַנגעלעגן, געדרייט זיך און געקערעוועט זיך, געריסן קליינע צווײַגעלעך פונעם געלע־גער, געוואָרפן זיי אין פײַער ארײַן און געקוקט, ווי זיי גיבן זשיפּענדיק א ברען אויס. דערנאָך איז אים נימעס געוואָרן אָט די ארבעט אויך. ער האָט אומגעדולדיק זיך אופגעזעצט אפן גע־לעגער, און אלע מאָל, ווען פון וואלד האָט זיך דערטראָגן א ווײַטער טויבער פאל, זיך א כאפּ געטאָן און אָנגעשטרענגט עט־לעכע מינוט נאָכאנאנד געקוקט אפן טירל פון דער יורטע — א בינטל צונויפגעבונדענע צווײַגן, וואָס איז, ווי שטאַרק, אראָפּגע־

האנגען באַם ארײַנגאנג. אבּע איז נאָך אלץ ניט געקומען. נאָך באַטאָג, טייקעפ, ווי מע האָט זיך ארײַנגעקליבּן אין יורטע, האָט ער זיך אפילע ניט אָנגעוואָרעמט און איז אוועקגעגאנגען באַקוקן די אומגעגנט. איצט איז שוין נאכט, און ער איז אלץ ניטאָ. עפשער האָט ער פארבלאָנדזשעט? עפשער האָט זיך ערגעץ דורכגעבראָכן אונטער אים דאָס אײַז? — לויפן דורך געדאנקען אין מיישקעס קאָפ. — נארישקײַטן! אָבּער ווו איז ער פאָרט? ווו גייט ער איצט אום? אך, וואָס ער וועט דאָס אָנדערציילן באַלד, אז ער וועט קומען... נאָר, דאכט זיך, אז מע שרײַט טאקע אינדרויסן... ניין, קיינער שרײַט ניט... זאָגן עפשער לוקין, ער זאָל אים גיין א זוך טון? — מיישקע האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגעשטעלט מיט די אויגן אפ לוקין, נאָר עפּעס אלץ זיך געשעמט ארויסזאָגן אים זײַנע געדאנקען און אלע מאָל באַשטימט בּא זיך: „אָט וועל איך צוווארטן נאָך צען מינוט, נאָך פופצן מינוט, און אויב ער קומט ניט — וועל איך זאָגן לוקין..." די פופצן מינוט זײַנען דורכגעגאנגען, און ער האָט אלץ ניט געזאָגט, ווידער אָפּגעלייגט אפ פופצן מינוט, און אזוי האָבּן זיך געצויגן שאָען...

לוקי איז געזעסן שטארק פארטיפט אין געדאנקען. עפּעס איז עס געווען אן אייגנארטיק טראכטן — שטיקער בּילדער, שטיקער געשעענישן האָבּן געפלייצט אפ אים פון אלע זײַטן, און ער האָט אין געדאנק גערעדט מיט מענטשן, וועלכע זײַנען איצט געווען שטארק ווײַט פון אים, וואָס האָבּן שוין אפילע ניט געלעבּט, געפרעגט בּא זיי אייצעס, און זיי האָבּן אים געענטפערט; ער האָט געקריגט זיך מיט זיי, דערוויזן זײַנס. ער האָט ווידער געטאָן זאכן, וואָס ער האָט שוין לאנג־לאנג ניט געטאָן. אָט זיצט ער אפ א פײַכטן ברעג, אין זאמד, בּא עפּעס א טײַכל. די וואסער פליסט גיך, איז שטארק דורכזיכטיק, און בּא דער לויטערקײַט פונעם טאָג זעט מען אין איר אָן יעדער שטיינדעלע, יעדער זעמדעלע. די זון גלימשט זיך אינעם שלאם אפ די שטיינדלעך אונטער דער וואסער מיט קאלטע גאָלדיק־גרינע פלעקן. סע שווימט אָן

פונ ערגעצ א שטיל אונ גליטשיק פישל. סע דרייט קוים מיטנ
עק, ס'צעשפרייט די זשאברעס אונ רויעט זיך מיטנ טעמפנ קאָפּ
אינ א שטיינדל, כאפּט אָנ אנ אונטערוואסער־גרעזל אונ שלינגט
עס. אונ לוקי האָט שוינ פארמאָסטנ זײַנ „אָסטראָגע״ פונויבנ,
א שטאָב — אונ דאָס פישל צאפּלט שוינ אינדערלופטנ... ער האָט
ליב אָט די ארבעט... אונ אָט האָט א בער זיך דורכגעבראָכנ
דורכ די צווײַגנ, ער שטייט אפ די הינטערשטע לאפּעס, אונ מיט
ביידע פאָדערשטע לאפּעס רײַבט ער זײַנ שווארצנ האָריקנ קאָפּ,
ווי ער זאָל אים וועלנ אראָפּרײַסנ פונ זיך; ער רעוועט, באלד
וועט ער זיך א וואָרפ טונ אונ צערײַסנ לוקינ אפ שטיקלעך.
לוקי שטייט אָבער רויִק, די ביקס — באַם אקסל, אונ קוקט אויס
די רעגע, ווענ דער בער וועט אנ עפנ טונ גלײַכ קעגנ אים
דאָס מויל, קעדיי ארײַנשיקנ אהינ זײַנ קויל אונ אומוואלגערנ אים
מיטנ ערשטנ שאָס... אונ אָט טראָגט ער זיך אפ ליזשעס איבער
א הוילער סאָפּקע, פליט איבער פארדרייטע שניי־גריבער, דער
ווינט צעבלאָזט די פעל אפ אים... אונ עפּעס טוט עס אים באנק
אָט דאָס אלצ, שטארק באנק, ווי עמעצ זאָל אים שוינ האָבנ פאר־
ווערט זײַנ גאנצ לעבנ זיך אומקערנ צו דעם...
אונ אָט איז סאווע. ער איז פאראיאָרנ ווינטער אנשלאָפנ גע־
וואָרנ בא זיך אינ דער איינזאמער יורטע, דאָס פײַער האָט בא־
גאכט זיך אויסגעלאָשנ, אונ דאָס אלטע בלוט האָט זיך אָפּגעשטעלט
אינ זײַנע אָדערנ — ער איז פארפרוירנ געוואָרנ... נאָר ס'מאכט
ניט — לוקי זיצט איצט באַם שײַטער מיט סאווענ, מע רויכערט,
אונ ניט ער הערט שוינ זײַנע מײַסעס, נאָר סאווע הערט אים.
ער איז זיך געקומענ האלטנ מיט אים א וויכטיקע אייצע. סאווע
קנייטשט אָנגעשטרענגט דעמ ברוינעמ טרוקענעמ שטערנ, סע ריי־
נענ טרערנ פונ זײַנע קאלטע אויגנ, די האנט, ווענ ער נעמט
מיט איר ארויס די ליולקע פונ מויל, ציטערט. ער זאָגט, קײַענדיק
די רייד:
— דאָס, וואָס דו דערציילסט, איז שיינ... נאָר איכ האָב

מיינט געהאט בלייבן זיצן אפ איין אָרט... איך פלעג גיין און וואָלט אויך איצט געגאנגען... נאָר דעם וועג צוריק אין סטויבי־שטשע האָב איך קיינמאָל ניט פארגעסן... און דעם מינהעג פון די ייִדעס האָב איך אויך געהיט, ווי מע היט דעם פולווער, ער זאָל ניט נאס ווערן — געבליבן אן אָראָטשאָן...

און לוקי איז איצט עפּעס ניט צופרידן מיט סאווען, ניט מאסקים מיט אים. ער זעט אבער פאר זיך, ווי ער שטייט מיט א צוגע־לייגטער האנט צום שטערן, אזא פעסטער, א זיכערער, און קוקט זיך ארום. און ער גרייסט זיך עפּעס אינערלעך מיט אים. ער, לוקי, וויל זײַן אזא, ווי אבע... נאָר באלד דערשרעקט ער זיך עפּעס אליין פאר אָט דעם געדאנק. ער ציט ארײַן דעם קאָפּ אין די אקסלען און קוקט זיך ארום, ווי ער זאָל וועלן זען, צי קיינער האָט דאָ זײַן געדאנק ניט אונטערגעהערט. מיישקע גיט אזש א ציטער פון אָט דעם בליק זײַנעם, נאָר מיטאמאָל נעמט ער זיך אײַנהערן, גיט א פריידיקן געשריי און א פאטש אין די דלאָ־ניעס:

— אבע גייט!

אין דרויסן הערן זיך טריט. דערנאָך, שוין הארט פארן ארײַנ־גאנג אין יורטע, הערט זיך א קלאפּן פון א וואלינקע אין א וואלינקע — מע קלאפּט אָפּ פון די פיס דעם שניי. ס'הייבט זיך אופ דאָס טירל, און סע באווײַזט זיך אבעס קאָפּ אין דער פוטערנער היטל, ער בייגט זיך אָן נאָך מער און קריכט ארײַן קי־מאט אפ אלע פיר.

— כאָ־כאָ! — רײַסט זיך ארויס בא אים א מונטערער הוק. ער צע־רײַבט די פארפרוירענע הענט קעגן פײַער און זאָגט: — כ'האָב שוין טאקע שיר פארבלאָנדזשעט... כאָ־כאָ... פארדרייט זיך א ביסל אין די סאָפּקעס... גוט, וואָס דאָס פײַער ברענט פאר דער יורטע, מע זעט עס ווײַט...

ער איז אופגערעגט, צופרידן פון דעם געזעענעם, פונעם קרעפטיקן פראָסט אינדרויסן און פון דעם, וואָס ער איז שוין

געקומען אינ יורטע, און דער ווינט בריט שוינ ניט זײַנ פּאָנעם מיט שטעכיקע שניי־גרײַפּעלעכ. ער איז צופרידנ פונ דעם, וואָס מיישקע זיצט שוינ אפנ געלעגער, אונ א ווײַלע לויפט אים דורכ א געדאנק, אז מע וועט שוינ מאָרגנ אים ניט דארפנ טראָגנ אפנ טראָגבעטל אינ דאָרפ ארײַנ. די אײַוורים דערווארעמענ זיכ קעגנ פײַער — א כּיעס, עפּעס ווי שטריק צעבינדנ זיכ ארום אים, אונ ער ציט פרײַ אויס א האנט, א פוס. ער דערציילט וועגנ דעם, ווי ער איז אומגעגאנ, געזונט, וועלכע נײַע געדאנקען עס זײַנען אים אײַנגעפאלן, אונ מיישקע הערט אלצ מיט א פארכאפּטנ אָטעמ. לוקי פארלירט די גאנצע צײַט קיינ איינ וואָרט ניט, נאָר נאָכנ גלאנצ פונ זײַנע אויגנ זעט אבע, אז דאָס, וואָס ער דערציילט, אינטערעסירט אים אויכ זייער שטארק.

מע טרינקט טיי, מע ליידיקט אויס א פּושקע קאָנסערווג.

— נו, שלאָפנ, לײַט! — זאָגט אבע. — איכ וועל זיצנ א ביסל באמ פײַער...

לוקי לייגט זיכ אוועק גלײַכ אפ דער ערד מיטנ פּאָנעם צום פײַער, די פיס אונטערגעצויגנ, אונ ווערט באלד אנשלאָפנ. די יורטע ווערט אָנגעפילט מיט זײַנ כראָפּען. מיישקע טוט עטלעכע מאָל א געגעצ אונ לייגט זיכ אויכ אוועק אונ ווערט אנשלאָפנ. אבע זיצט נאָכ א ביסל לעמ פײַער, רײַבט מיט דער האנט דעם שטערנ, ווי ער זאָל וועלנ צונויפזאמלענ די געדאנקען, דערנאָכ נעמט ער ארויס פונעם רוקזאק די צייכענונגען פונ דער בויונג אונ פארטראכט זיכ שטארק איבער זיי. ערטערווײַז מאכט ער עפּעס סימאָנים מיטנ בליַיער, גיט אמאָל צו עטלעכע קוואַדראטעלעכ, מעקט עפּעס אויס אונ מאָלט עס צו א ביסל ווײַטער. ער איז לאנג פארנומענ מיט אָט דער ארבעט. פונ מאָל צו מאָל לייגט ער אונטער א שײַטל האָלצ אינעמ שײַטער, נאָר ער טוט דאָס מאשינעל, ניט איבערײַסנדיק די געדאנקען. א פּאָר מאָל איז ער פאר דער נאכט ארויסגעגאנגענ אונ אונטערגעוואָרפנ האָלצ אינעמ שײַטער, וואָס ברענט פארנ ארײַנגאנג. אונ די נאכט

גייט אלץ ניט אויס, שלאָפן טאָר מען ניט, און אָבער נעמט אלציינס ניט דער שלאָף, נאָר די נאכט פֿײַניקט אים עפּעס, זי ציט זיך צו לאנג. ער נעמט ארויס דעם העפט און שרײַבט אָן צוויי בריוו. איין איינער גיט ער צו וויסן זײַנע כאווײרים פֿון קורס, ווו ער איז און וואָס ער טוט. די צווייטע בריוו שרייבט ער אין פארטקאָם וועגן זשורמי... ער האָט באשטימט מאָרגן אוועקגיין אין טיגראָווע נאָך מענטשן, וועט ער שוין דאָרט ארײַנווארפן די בריוו. ניטאָ דאָ וואָס צו פארלירן קיין צײַט. טאקע א נאריש־קײַט, וואָס ער האָט געטראכט טראָגן מײשקען אין דאָרף ארײַן. יענער וואָלט מיטן וועג זיך ווידער פארקילט, און דאָ באַם פֿײַער און אין יורטע איז שוין נישקאָשע.

סאָף נאכט נעמט ער זיך שרײַבן א דריטע בריוו. ער רײַסט זיך אלע מאָל אָפּ פונעם שרײַבן און קוקט מיט א פארקלערטן בליק אפן פֿײַער. ס׳שווימט פאר אים ארויס א מילד מיידלש גע־זיכט מיט דינע שטריכן, עטלעכע שווארצע גרײַזעלעך, ווי גלע־קעלעך, הענגען אראָפּ אפּ איר שטערן; זי גיט א שטילן שמייכל, א ווײַז די ווײַסע דריבנע געטאָקטע ציין, א שפּיל מיט די שוואר־צע גרויסע אויגן און פארשווינדט...

„וואָס טוט זי איצט, אשטייגער? — טראכט אבע. — מיסטאָמע לייגט זי זיך ערשט שלאָפן... און עפּשער לייענט זי נאָך... דאָרט איז דאָך דער טאָג גערוקט אפּ גאנצע אכט שאָ...״

ווען ער האָט געענדיקט שרײַבן, איז שוין געווען טאָג. ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסן. אפן שניי און אפּ אלץ איז געלעגן אזא קלאָרקײַט, אזא ליכטיקײַט, און שטיל איז געווען, אז אבער האָט זיך געדוכט, ער הערט דעם קלאפּ פונעם אייגענעם הארצן. ער האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל. עפּעס האָט זיך דאָ אים אלץ אויסגעוויזן נײַ, אנדערש. ער האָט באקוקט דעם בלוילעכן קאלכשטיין, וואָס איז דאָ פון דרײַ זײַטן ווי אין א הייל מיט שווערע הרודעס אָנגעהאנגען אי־בערן קאָפּ, און א טראכט געטאָן: „זע, מאמעש די נאטור אליין

האָט זיך געפּלײַסט און צוגעגרייט אַן אָרט פאַרן ערשטן פּרימי־טיוון קאַלך־אויוון... אינטערעסאַנט... און ווי האָב איך עס גאָר פריִער ניט באַמערקט... מע וועט עס נאָר דאַרפן אויסלייגן מיט שטיין, און ס'איז פאַרטיק אַן אויוון...״

ער איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל, געטראַכט און אַוועקגעגאַנ־גען צום טאָל, ער האָט אים געוואָלט גענויער באַקוקן.

אַז ער האָט זיך אומגעקערט, איז מיישקע איינער אַליין גע־זעסן אין יורטע, לוקי איז ניט געווען. ער האָט דערקלערט אַבער, אַז ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער שוין אויך ניט גע־טראָפן לוקין, און אין שײַטער איז געווען אָנגעוואָרפן אַסאַך האָלץ. אַבער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיישקען. ער האָט אים געזאָגט וועגן זײַן באַשלוס נאָך הײַנט אַוועקצוגיין אין דאָרף אַרײַן נאָך מענטשן.

— דו וועסט בלײַבן דאָ מיט לוקין, — האָט ער געזאָגט.

מיישקע האָט אַ מאַמזערישן שמייכל געטאָן, באַלד ווידער געוואָרן ערנסט און געזאָגט: — גוט.

אַבער האָט זיך צוגערוקט נאָך נעענטער. — מיישקע, — האָט ער געזאָגט, — ווייסט, פאַרוואָס די סטויבישטשע האָט אַוועקגעוואַנ־דערט?

— און פונוואַנען ווייסטו? — האָט מיישקע זיך פאַרוווּנדערט.

— כ'ווייס, — און ער האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון לוקי. נעכטן האָט ער דאָס אַלץ אים ניט געזאָגט, ווײַל ער האָט אים ניט געוואָלט צופיל אופרעגן. מיישקע איז רויט געוואָרן און ניט לויט זײַן עלטער שטרענג. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן. אין די אויגן האָבן זיך בײַ אים אָנגעצונדן צוויי בייזע פײַערלעך.

— איז וואָס־זשע קלערסטו־טון? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט דערווײַל...

— וואָס הייסט גאָרניט?

— אָט אַזוי... איך רעכן, אַז דער, וואָס האָט זיך שוין איינ

מאָל מאטריִעכ געווען קומען אהער נאָך פאר אונדז, וועט שוין מיסטאָמע קומען אהער מיט די ערשטע האָלצהעקער אויך... זעט אויס, אז קיין פוילער איז ער ניט... ער וועט ניט בלייבן זיצן ווארעמען דעם אפּן־אויוון... איז אָט ־דאָ וועט מען אים דארפן קאָנען דערקענען, און וואָס פריִער—איז בעסער...

ער האָט געקלערט א ווײַלע און צוגעגעבן:

— אָט, לוקין וויל איך אומבאדינגט איבערלאָזן מיט אונדז, ער איז א גוטער בּאָכער, און כוצדעם... ס'איז נייטיק.

— ריכטיק! — האָט מיישקע אופגעשײַנט. — איי, ריכטיק, אבע! ער איז דאָך... גאָלד איז ער דאָך!

עס האָבן זיך דערהערט אינדרויסן לוקיס טריט. ער איז צו־געגאנגען צו דער יורטע און אראָפּגעוואָרפן עפּעס א שווערס. מע האָט געהערט א טויבן קלאָפּ אין דער ערד.

— אָ! — האָט מיישקע זיך א כאַפּ געטאָן, ווען ער איז ארײַנ־געגאנגען אין יורטע, — מיר האָבן נאָרוואָס גערעדט פון דיר... זאָלסט...

לוקי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן פײַער און פארויכערט די ליולקע. דערזען, אז אבע קוקט אף די שפּורן פון בלוט, וואָס זײַנען געווען אפן ארבל פון זײַן דאָכע, האָט ער געזאָגט, ניט ארויסנעמענדיק די ליולקע פון מויל:

— מײַנע א ציג שיס...

— עפּשער יענע, וועלכע איך האָב נאָכגעיאָגט? — האָט מייש־קע געפרווּוט א שפּאס טון, נאָר קיינער האָט אף זײַן שפּאס ניט געענטפערט. לוקי איז געווען עפּעס אופגערעגט און כמורנע. אבע האָט עס באַלד באמערקט און אין געדאנק בא זיך געזוכט די סיבע פון דעם. ענדלעך האָט לוקי געענדיקט רויכערן און ארײַנ־געוואָרפן די ליולקע אינעם לעדערנעם זעקעלע, וואָס איז גע־האנגען אף זײַן גארטל.

— מײַנע אין טײַגע שפּורן געזען... — האָט ער געזאָגט. ער האָט לאנגזאם א קוק געטאָן אף אבען:

— דײַנע שפּורן געזען... און ניט װײַט נאָך דײַנע — אַן אָראָ־
טשאַן נאָכגײ... דײַנע נעכטן גאָרניט ניט געזען?

— ניין, — האָט אבע געזאָגט.

— כאָ. אָראָטשאַן נאָענט גײ — דײַנע גוט קוקן געוואָלט...
אָראָטשאַן אומעטום נאָך דײַנע נאָכגײ... אָראָטשאַן ביז אהער קום
אָן און צוריק אװעקגײ... מײַנע געוואָלט גײן נאָך זײַנע שפּורן.
נאָר פריִער דײַנע זאָגן געוואָלט... מײַנע מײן — זשורמי ניט װײַט...

— אזוי גאָר! — האָט אבע פארטראכט געזאָגט. — מײנסטו, אז
זשורמי איז ניט װײַט און אז יענעם אָראָטשאַן האָט מען אור־
מיסטן געשיקט, ער זאָל א קוק טון, וואָס דאָ טוט זיך?

לוקי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, אויב אזוי, איז נישקאָשע... — האָט אבע א שמייכל גע־
טאָן. — הער אויס, לוקי... דאָ וועלן זײַן אסאך מענטשן, זייער
אסאך, עפשער מערער ווי אין אײַערע צוואנציק סטויבישטשעס...
מע וועט זיי אלעמען דארפן געבן עסן... בא אונדז איז אזוי, אז
איינער קאָכט פאר אלעמען און אלע טוען זיך אנדערע ארבעטן...
אזוי איז בא אונדז... איז אָט — קאָנסט בלײַבן בא אונדז, מיר
וועלן דארפן האָבן אסאך פלייש. קאָנסט גײן אין זשורמי, צו־
זוכן זיך דאָרטן נאָך עטלעכע גוטע יעגער, איר וועט אײַך אומ־
גײן אין טײַגע, שיסן כײַעס, און דאָס פלייש וועט איר ברענגען
אונדז... מיר וועלן צאָלן מיט מעל, מיט אָנטון און מיט געלט...
ס'וועט אײַך זײַן גוט. ווילסט?

לוקי האָט זיך פארטראכט, זיך א צי געטאָן צו דער ליולקע,
נאָר ניט ארויסגענומען זי, אוועקגעלייגט בלויז די האנט אפּן
לעדערנעם זעקעלע. אבע און מיישקע האָבן שווײַגנדיק געקוקט
אפּ אים, געווארט. — מײַנע וויל! — האָט לוקי פלוצעם א זאָג גע־
טאָן, ווי צו זיך אליין, צו עמעצן אין זיך. — מײַנע זייער וויל!

מײַנע אלציינס בלײַבן וויל... — ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ,
זײַן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אזא הארטע אקשאָנעס. נאָר באלד
האָט עס באלויכטן אַן אָפענער ברייטער שמייכל:

— מײַנע מיט אײַך בלײַבן וויל... מײַנע קײנמאָל ניט אוועק־גײן!

— מאָלאָדיעצ לוקי! — האָט מײשקע ניט אויסגעהאַלטן, אונ־טערגעהויבן זיך א ביסעלע אונ דערלאַנגט אים די האַנט. — נא!

לוקי האָט א קוק געטאָן אפ דער אויסגעשטרעקטער האַנט, דערמאָנט זיך אינ דעם, וויאַזוי סאַווע פלעג זיך גריסן, נאָך מער צעשמײכלט זיך אונ אויסגעצויגן אויך זײַן האַנט, האַלטנדיק די דלאָניע אונ די פינגער גלײַך, ווי א לאָפּעטקעלע. דערנאָך האָט ער זי פּונקט אויך אזוי דערלאַנגט אַבען. יענער האָט האָפּערדיק א קוק געטאָן אפ אים, א כאַפּ געטאָן זײַן האַנט מיט בײדע הענט אונ שטאַרק, אָן ווערטער, א טרײסל געטאָן.

— מײַנע גײ קײן זשורמי, — האָט לוקי מיטאַמאָל זיך א הײב געטאָן, — מײַנע גײ... דערצײל אַלץ פונ יענעם פרעמדן... אַלץ דערצײל... זײַנע אָפּגענאַרט זשורמי, זײַנע שלעכטער מענטש...

— וואַרט, לוקי, — האָט אַבע א זאָג געטאָן, — עפּשער זאָל איך גײן מיט דיר... נײן, גײ בעסער אַלײן... יאָ, אַלײן... דער־צײל אַלץ, וואָס דו ווײסט... אונ איך וועל איצט גײן קײן טיג־ראָווע נאָך מענטשן... מײשקע, דו וועסט בלײַבן דערווײַל אַלײן... מירן דיר אָנטראָגן אהער געזונט האָלץ, אונ צו פאַרנאַכט וועט לוקי זיך אומקערן עפּשער... — ער האָט א רײַב געטאָן מיט דער האַנט דעם שטערן, — יאָ, וואָס נאָך, לוקי, אומבאַדינגט ברענג אהער עטלעכע יעגער אונ שטעל דאָ אופ כאָטש א פּאָר יורטעס... מע וועט עס קאָנען טון? האָסט צוויי טעג אפ דערויפ... כ׳וועל ברענ־גען צוזאַמען פופצן האָלצהעקער...

— מײַנע אַלץ אָפּטון, — האָט לוקי געזאָגט, — דײַנע מעג זײַן זיכער.

אַבע האָט זיך אופגעהויבן אפ דער סאָפּקע, פונ וועלכער זײ האָבן צוזאַמען דערזען, אז די סטויבישטשע האָט אוועקגעוואַנדערט,

און אפֿן שפּיץ צווישן שטיינער און יונגע דעמבן־ביימלעך זיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט א האנט צום שטערן און זיך ארומגע־קוקט: פֿאר אים האָט זיך צעוויקלט די גאנצע אומגעגנט אף צענ־דליקער ווי־אָרסט. דורכויס זייַנען געווען סאָפּקעס. אזא גרויער אוראלטער אומעט, אזא שטילשווייַגן האָט געצויגן פֿון אומעטום, אז ס'האָט זיך אים אזש פֿארוואָלט א געשריי טון... גלייַך אנט־קעגן איז געלעגן די קאלב־סאָפּקע — א לענגלעכע, א געהויקער־טע, ווי א גרויסע אומגעוואלגערטע כייַע. און ארופֿ מיטן טייַכל, וואָס וויקלט ארום די סאָפּקע צופֿוסנס, ווי א שלאנג, האָט זיך געררוקט א שווארץ פֿינטעלע. „לוקי! — האָט א טראכט געטאָן אבע. — ער גייט אינ סטויבישטשע...״ — און א ווארעמע פֿרייד האָט א כלינע געטאָן צו זייַן הארצן, דערנאָך האָט ער איבערגעפֿירט די אויגן צוריק אפֿ דער סאָפּקע און אָפּגעזוכט דאָרט דאָס אָרט, ווו די יורטע איז געשטאנען. די יורטע האָט אלץ אזוי שטיל געררוי־כערט זיך, און אבע האָט זיך פֿארטראכט וועגן מיישקען, וואָס איז דאָרט פֿארבליבן אליינ. מיטאמאָל האָט זיך עפּעס באוויזן בא דער יורטע־טיר און זיך אויסגעגלייַכט. אבע האָט פֿונווייַטנס דער־קענט מיישקעס דארע לאנגע פֿיגור. נאָר דער יאט האָט אים שוינ דערזען פֿונווייַטנס, אראָפּגעכאפּט דאָס היטל און גענומען פֿאָכען מיט דעם. אבע האָט זיך צעשמייכלט, ער האָט אויך אראָפּ־גענומען דאָס היטל און א פֿאָכ געטאָן מיט דעם אינדערלופֿטן. דערנאָך האָט ער ווידער א זוכ געטאָן מיט די אויגן לוקין, איז ער שוינ אָבער ניט געווען אפֿן טייַכל — זעט אויס, ער האָט פֿאר־קערעוועט אינ טייַגע ארייַנ...

— נו, אוועקגעגאנגען! — האָט אבע צו זיך אליינ געזאָגט. פֿאָרויס איז געווען א וועלט מיט ארבעט.

---

Ціна 3 крб.
Папка 75 коп

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

І. ФАЛІКМАН

# МІЖ СОПКАМИ

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ